ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# משלי חכמה

## מאבי ממשלי משלים
## המגיד מדובנא

בראשית

אידיש

**889**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

ספר המשל ב

# משלי חכמה

להבין על ידם באורי

## חמשה חומשי תורה והפטרות

ולאלף דעת מוסר ומדות ויראת אלהים.

נלקטו מספר

## אהל יעקב, וקול יעקב

להרב המאה"ג, גאון הדרשנים, אבי ממשלי משלים בחכמה ומוסר, צדיק מושל בי"א מוהר"ר יעקב מ"מ מדובנא זצ"ל.

---

אין דיזען ספר זיינען מלוקט זעהר וואונדערליכע פירושים אונ באורים אויף חמשה חומשי תורה אונ אויף אלע הפטרות, מיט זעהר קלוגע אונ וויטציגע משלים, וועלכע עס לערנען אונז מדות טובות, מוסר אונ דרך ארץ. אלעס הערויס גענומען פון דיא היילינגע ספרים אהל יעקב אונ קול יעקב פון דעם בעריהמטען דובנער מגיד זכר צדיק לברכה, אונ איבער זעטצט אין יודיש־דייטש.

נלקט ונעתק בשפת יהודית־אשכנזית במצות והוצאת המדפיסים.

---

נאכדרוק פערבאטען

---

# ווילנא

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם

שנת תר"נ לפ"ק

ГАМЕШОЛИМЪ.

Притчи.

Съ Виленскаго изданія 1883 г. безъ измѣненій.

1890.

Дозволено цензурою. — 24 Ноября 1889 года. Вильна

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Жмудскій переулокъ домъ № 328.

אים האט ער אפ געזאגט פון זיין שטעלע :

ולאדם אמר וגו' ארורה האדמה בעבורך וגו' וקוץ ודרדר וגו' דאס טייטש צו אדם האט גאט געזאגט פר וואס דו האסט געגעסין פון בוים זאל די ערד ווערן פר פלוכט . עס זאל וואקסען דערנער אונ קראפעווע . די קשיא פר שטייען אלע וואס איז דיא ערד שולדיג . דאס וועט רעכט ווערן מיט א משל . א קינד איז קראנק געוועזן אזו ווייט דאס קיין דאקטער האט אים ניט געקענט העלפן לסוף איז געקומען א דאקטער וואס האט זיך אן גינומען אים אויס צו קורירן אונ האט אים טאקע גזונט גמאכט ער האט באטראכט אז די רפואות וואס מען בדארף צו זיין קראנקקייט זיינען פר א קינד צו שארף האט ער דאס איין געגעבן די אם זיינע אונ זייגנדיג האט געווירקט אויף אים . דער נמשל פר שטייט זיך דען פר דעם בעת דער מענטש האט נור עוסק געוועזן אין עבודת השם איז געווען גרויס השפעה אונ מזל ברכה פון דער ערד . אבער וויא ער האט געזינדיגט אונ דער גרויסער דאקטער הקב"ה כביכול האט באטראכט זיין רפואה אז עס זאל אים אן קומען ברויט מיט שווערינעס האט ער געהייסן דאס די אם זיינע דאס הייסט די ערד זאל איין נעמען דערנער אונ קראפעווע ממילא ווירקט דאס אויף אים אונ אזו דריקט זיך אויס דער מדרש אין דעם ארט מיט די מליצה ליטין ביזייהו דהדין מניק דאס טייטש מען שילט דיא ברוסט וואס האבין אויס געזויגן דעם רשע :

בזעת אפיך תאכל לחם עד שובך אל האדמה וגו' מיט שווייס וועט דיר אן קומען ברויט ביז דו וועסט זיך צוריק אום קערן צו די ערד וואס דו ביסט פון איר גינומען געווארן דען דו ביסט דאך ערד . דער מדרש שרייבט קומץ עפר שנבראת ממנה לא גזולה היא בידך הקב"ה האט געזאגט דער הייפיל ערד פון וואס דוא ביסט באשאפן געווארן איז ער דען ניט גזילה ביי דיר דרום גיב צוריק אוועק ער מיינט שטארב אונ ווער ערד וויא פריער . דא איז א גרויסע פראגע ווען אדם הראשון וואלט ניט געגעסן פון עץ הדעת אונ לעבן אייביג ווי וואלט ער דאמאלס אוועק געגעבן דיא ערד איר גזילה . דאס וועט ערקלערט ווערן מיט א משל . ביי איינעם א גביר איז געבארן געווארין א טייערער אינגיל אונ עס איז ניט געוועזן צו בקומען קיין אם פר אים מיט אמאל האט זיך מזדמן געווען עס איז ארייין דארטן איין אם בעטלן פרעגט ער איר אפשר ווילסטו דא זיין אין שטוב זאגט זיא יוא נאר אז מען וועט מיר באצאלן . איז דער נגיד געווארין אין כעס אונ זאגט געוויש שלעפסטו זיך ארום דעם גאנצן טאג אונ זעה וואס האסטו דא אין טארבע עטליכע שטיקליך ברויט פארדארטע אונ בייא מיר וועסטו האבין פון דאס שענסטע אונ פון דאס בעסטע על כן וויל איך פערקערט דוא זאלסט מיר צו צאלן . ענטפערט זיא אפשר זייט איר גירעכט אבער איך האב גיט וואס אחוין די שבתדיגע קליידיל אויב איר ווילט זיא נאט אייך איז אזוא געבליבין . מיט דער צייט איז דאס קינד קראנק געווארין האבין דאקטורים ערקלערט די סבה ווייל אירע מילך איז צו פעט דרום זאל זיא עסן פארעוו[illegible]ע אונ דר צו טרינקן רפואות צום אבצעהרונג דא[illegible] האט זיא שוין געהאט א פתחון פה אונ גינומען בעטן איר קלייד מיט דיא טענה מיינע קעסט איז ווי די גרעסטע שלעפרקעס אונ טרינק צו ליב דאס קינד אלערלייא ביטערנעס אויך זאל איך נאך דארפין צו צאלין . דער נמשל איז ריכטיג יעדער מין פון דיא בריאים האט זיך באזונדער זיין נאטור אונ דר מענטש האט אין זיך די מדות פון אלע בריאים צו זאמען ער אליין איז איין עולם קטן ווארום בשעת בריאת אדם הראשון האבן אלע געגעבן אין אים פון זייערע מדות אונ דרום איז ער דער שפעטיגשטער באשאפן געווארין . אונ דא[illegible] גיט ער צו מיט זיין תורה ומצות אבה השפע אונ ברכה אין זיי אלעמן ווען ניט איז חלילה פרקערט ווי בדרך דמיון איינגע קפיטאליסטן לייגן זיך צו זאמען אונ דער לאנגן איינעם אין האנד אויף האנדיל גייט דער געשעפט גוט

גִינַגַבְעט דִי גֶעלְט אוּנ צוּרִיק פַר שְׁלָאסְן. נָאךְ
שַׁבָּת אַז דֶער סוֹחֵר הָאט אוֹיף גִירִיסְן דֶעם
שְׁלָאס גִיפִינְט עֶר דֶעם שְׁלִיסְל אוּנ דִי גֶעלְט
ִיט הָאט עֶר זִיךְ גִיוואוּנְדֶערְט וֶוען דֶר שְׁלִיסְל
אִיז גִיוֶועזְן פַאר שְׁלָאסְן וִויא אַזוֹי הָאט מֶען
קֶענְט עֶפֶענֶן. דֶר נִמְשָׁל אִיז לַייכְט צוּ פַר
ט... עס אִיז יָדוּעַ דָאס אַלֶע תַּאֲווֹת וָואס
גִילוּסְט זִיךְ אִיז דִי סִבָּה וַוייל אָדָם
הָאט גִיגֶעסְן פוּן עֵץ הַדַּעַת נוּן פַר
שְׁטֵייט מֶען נִיט וִויא קוּמְט אָבֶּער צוּ אִים דִי
תַּאֲוָה צוּ עֶסְן עֵץ הַדַּעַת אָט דָאס וואוּנְדֶערְט
זִיךְ הקב"ה הֲמִן הָעֵץ וגו' הָאסְטוּ דֶען גִיוָואלְט
עֶסְן פוּן עֵץ הַדַּעַת אֵיידֶער דוּא הָאסְט גָאר
גִיגֶעסְן עֵץ הַדַּעַת. כְּלוֹמַר וֶוען דֶער שְׁלִיסְל
פוּן תַּאֲוָה אִיז גִיוֶועזְן פַאר שְׁלָאסְן טוּא וִויא
בִּיסְטוּ צוּא גִיקוּמֶען צוּ דִיא תַּאֲוָה צוּ עֶסִין
עֶנְטְפֶערְט עֶר הָאִשָּׁה אֲשֶׁר וגו' דוּ הָאסְט מִיר אַלֵיין
גִיגֶעבְּן אַשְׁלִיסְל דָאס אִיז דִיא אִשָּׁה וִויא דֶר
מֶדְרָשׁ שְׁרַייבְּט זִיא הָאט אַזוֹי לַאנְג גִיוויינְט
אִיבֶּער אִים בִּיז עֶר הָאט גִימוּזְט עֶסְן. פְרֶעגְט
קב"ה בַּיי... אִיר מַה זֹּאת עָשִׂית כְּלוֹמַר וִויא אַזוֹ
אט ...יךְ דִיר גָאר גִילוּסְט דָאס טָאן עֶנְטְפֶערְט
א הַנָּחָשׁ הִשִּׁיאַנִי וגו' דֶר רֶעכְטֶער סַם דֶר שְׁלַאנְג
הָאט מִיךְ אָן גִירֶעט זִיא מֵיינְט עֶר הָאט מִיךְ
גִיגֶעבְּן דֶעם תַּאֲוָה וִויטְרִיק דֶען אַזוֹ שְׁטֵייט
אִין גְּמָרָא אוּנ אִין מֶדְרָשׁ דֶער שְׁלַאנְג הָאט
אִין אִיר אַרַיין גִילָאזְן אַמִין קְלִיפָּה אַיין תַּאֲוָה
וָואס וֶוערְט אָן גִירוּפְן זוּהֲמָא (סַם):

וַיֹּאמֶר יְיָ אֱלֹהִים אֶל הַנָּחָשׁ וגו' אָרוּר אַתָּה וגו'.
נָאט הָאט גִיזָאגְט צוּם שְׁלַאנְג וַוייל דוּ הָאסְט
דָאס גִיטָאן זָאלְסְטוּ זַיין פַר פְלוּכְט. אִין גְמָרָא
סַנְהֶדְרִין אוֹיךְ דֶר מֶדְרָשׁ שְׁרַייבְּט מִיט אָדָם
וְחַוָּה הָאט הקב"ה זִיךְ פַר נַאנְדֶר גִירֶעט אוּנ
... נָחָשׁ הָאט עֶר גָאר נִיט גִילָאזְט טַעֲנֶן אוּנ
...ךְ פַר מִשְׁפָּט אָרוּר אַתָּה וגו' נוּר אַלֵין קָשֶׁה
פְשַׁר וָואלְט עֶר גִיהַאט בַּאווייזְן דָאס עֶר אִיז
גָאר נִיט שׁוּלְדִיג. דָאס וֶועט עֶרְקְלֶערְט וֶוערְן
מִיט אַמָשָׁל. אַגְבִּיר הָאט גִיהַאט אַבֶּן יָחִיד
אַגְרוֹיסֶר לַמְדָן אוּנ אַמוּשְׁלָם הָאט דֶר פָאטֶער
פַאר אִים גִינוּמֶען אַיין גוּטְן אַנְפִירֶער צוּ אַלֶע
זַיינֶע עֲסָקִים בִּכְדֵי עֶר זָאל נוּר זִיצְן אוּנ לֶערְנֶען
בְּהֶמְשֵׁךְ הַזְּמַן הָאט דֶר אַנְפִירֶר זִיךְ מִתְקַנֵא
גִיוֶועזְן אָן דֶעם זוּ... אוּנ אַלֶע נַאכְט וֶוען עֶר
פְלֶעגְט צוּ אִים קוּמֶען פְלֶעגְט עֶר אִים דֶר צֵיילְן
אוּמֶעטִיגֶע אוּנ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשׂוֹת וָואס עֶס
הָאט זִיךְ גִיטְרָאפְן א.נ וַוייל עֶר אִיז גִיוֶועזְן
אַפַרְצוּיגִינֶער בֶּן יָחִיד הָאט עֶר דֶר פוּן בַּקוּמֶען
אַשְׁטַארְקֶע מָרָה שְׁחוֹרָה הָאבְּן דָקְטוֹרִים דֶר
קֶענְט זַיין רְפוּאָה עֶ. זָאל פִירְן גִישֶׁעפְטְן דֶר
מִיט וֶועט עֶר זִיךְ אַרוֹיס שְׁלָאגְן פוּן אַלֶע
נַארִישְׁקַייט הָאט דֶר פָאטֶער גְלַייךְ אָפ גִזָאגְט
דֶעם אַנְפִירֶער כְּדֵי דֶער זוּן זָאל פִירְן זַיינֶע
גִישֶׁעפְטְן עֶר הָאט אָבֶּער גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז
מֵחֲמַת כַּעַס וָואס עֶר הָאט קְרַאנְק גִימַאכְט
דֶעם זוּן דְרוּם הָאט עֶר זִיךְ גִיוָואלְט אָנְהֵייבְּן
פַר עֶנְטְפֶערְן רוּפְט זִיךְ אָפ דֶר פָאטֶער וִוי דִי
מַעֲשֶׂה אִיז דוּ הָאסְט סַיא וִויא סַיא בַּיי מִיר
קֵיין שְׁטֶעלֶע נִיט דֶען זַיין גַאנְצֶע רְפוּאָה
בַּאשְׁטֵייט עֶר זָאל אַלֵיין פִירְן דִי עֲסָקִים. דֶר
נִמְשָׁל אִיז אַזוֹ פַאר דֶעם חֵטְא אִיז דֶעם
מֶענְטְשֶׁינְס עֵסֶק נָאר גִיוֶועזְן אִין הֵיילִיקַייטְן
וִוי אַמַלְאָךְ אוּנ וָואס עֶס אָן בֶּעלַאנְגְט צוּא
זַיין פַּרְנָסָה הָאט אִים הקב"ה גִיגֶעבִּין אַיין
אַנְפִירֶר דֶעם שְׁלַאנְג אוּנ אַזוֹ זָאגְט דִי גְמָרָא
אִין סַנְהֶדְרִין חֲבַל עַל שַׁמָּשׁ גָּדוֹל וַוייא אוֹיף דֶעם
גְרוֹיסְן דִינֶר וָואס דִי וֶועלְט הָאט אָן גִיוָוארְן
דֶען וֶוען דֶר שְׁלַאנְג וָואלְט נִיט פַאר שָׁאלְטְן
גִיוָוארִין וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גִיהַאט
צְווייא שְׁלַאנְגֶען פַאר טְרַייֶע דִינֶר אָבֶּער לְאַחַר
הַחֵטְא אַז עֶר הָאט צוּ מִישְׁט דֶעם מֶענְטְשְׁן
דִיא קָאפּ מִיט נַארִישְׁקַייט הָאט הקב"ה
בַּטְרַאכְט זַיין רְפוּאָה עֶר זָאל אַלֵיין הָארִיוֶוען
מִיט שְׁוֵויים. וִויא אִין מַסֶּכֶת אָבוֹת שְׁטֵייט
שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן דָאס טַייטְשׁ דִיא
הָארֶעוָואנֶע אוֹיף פַּרְנָסָה אוּנ דֶער צוּא עֵסֶק
הַתּוֹרָה מַאכִין פַר גֶעסְן זִינְד דְרוּם הָאט עֶר
גָאר נִיט גִיהֶערְט דִיא טַעֲנוֹת אוּנ אִים תֵּיכֶּף
פַאר פְלוּכְט עֶר זָאל שׁוֹין נִיט מֶער גַיין וִויא
אַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף פִים כְּדֵי אִים צוּ בַּאדִינֶען
דֶען דֶר מֶענְטְשׁ מוּז שׁוֹין אַלֵיין אַרְבֶּעטְן אוּנ

ווען אמייסטער למשל מאכט פארטיג אזייגר טוט שוין דער זייגר אליין זיין פעולה אבער די בריאה מוז יעדר רגע באקומן נייע השפעה און חיות פון דעם בורא ב"ה וויא דר פסוק זאגט אין נחמיה ואתה מחיה את כלם דו גאט ביסט שטענדיג מחיה אלע דינג און ווען ער וואלט אפ טאן איין רגע חלילה זיין השגחה וואלט פון אלעם ווערן תהו ובהו דרום שטייט ניט ברא שמים ער האט בשאפן נור בורא ער באשאפט איצט דאס איז גימיינט יעדער מינוט גיט זיין השגחה נייע חיות:

והולכתי עורים בדרך לא ידעו וגו' דאס טייטש איך וועל פירן בלינדע אין אוועג וואס זייא האבן ניט גיוואוסט. מצות זיינן דא צוויי ערליי אזעלכע וואס מען פאר שטייט דעם טעם אויך אזעלכע וואס מען פר שטייט עס ניט מיט דעם שכל דהיינו שעטנז פרה אדומה און דאס גלייכן אין פלוג וואלט דאך גלייכר גיוועזן מען זאל פר שטיין די טעמים און די טובות פון אלע מצות כדי מיר זאלן זיי מיט חשק ווערן מקיים זיין. נאר די זאך איז אזו. איינעמס אזון איז ארוים גיפארן אויף וויא פיל יאר רייזן די וועלט האט אים דר פאטר מיט גיגעבין שפייז און בגדים גינוג אויף די גאנצע צייט די עסן ווארג איז גיוועזן אזו גוט צו געריכט עס זאל ניט פר דארבן ווערן און זאל לאנג דויערין אויך די קליידר זיינן גיוועזן גינייט אויף קונציגע שפראנדזינעס דאס ווען אפילו ער וועט וויא גרויס אויס וואקסן זאל מען קענן אפ לאזין נאך זיין מאס נאך. אמאל האט ער פאר דארבן דעם מאגן און דרום האט ער גיפילט איין איבעלן גישמאק און ביטערקייט אין עסן האט ער גיטאדילט דיא שפייז זיינע אז ער איז אונטער גיוואקסן און די קליידר זיינן קורץ גיווארן האט ער ווייטער גטאדילט די קליידר און בטראכטנדיג דעם חסרון ווייל ער איז קראנק און ווייל ער ווייס ניט וויא מיט דיא טייערע קליידער זיך צו בענוצן. דאס גלייכן די תורה ומצות האט הקב"ה איין גיארדענט וויא זיי האבן גיפאסט פר דעם מענטשן איידר ער האט גיזינדיגט מיטן עסן פון עץ הדעת און דריבר האט מען טאקע דאמאלסט אין יעדר מצוה גפילט אגוטן טעם אבער נאך דעם חטא אז די גאנצע בריאה איז פר דארבן גיווארן און באקומן גאר איין אנדר צורה און דר מענטש איז פול מיט אנדרע דעות (ווי די קדמונים שרייבן דעם ענין באריכות) דרום ווייזט אונז אויס כמה מצות זום נוטציג ווייל דורך די סבה פון חטא זיינן מיר קראנק גיווארן אין מדות רעות און פר נארישט וויא דר נביא ירמיה זאגט חטאתיכם מנעו הטוב מכם דאס איערע זינד לאזין אייך ניט צוא משיג צו זיין דיא טיפע חכמה און די טובות פון די מצות. אויך דרשת דר מדרש דעם פסוק אין דברים לא נפלאת היא ממך אויב די תורה איז פאר הוילין און אונפערשטענדליך איז נור פון דיר כלומר ניט דיא תורה איז שולדיג נאר דו ביסט שולדיג. על כן מוזן מיר איצטר לעבן מיט הוילע אמונה און מקיים זיין כל התורה ווי עס שטייט גישריבין אבער לעתיד לבוא אין משיח צייטן אז די פר שטיינרטע הערצר וועלן ווייך ווערן און די פינצטרע נארישע וועלט וועט ליכטיג ווערן פון די ליכטיגע חכמה דאן זאגט השי"ת והולכתי עורים וגו' אשים מחשך לפניהם לאור ומעקשים למישור דאס טייטש איך וועל די בלינדע פירן אין אזו אוועג וואס ביז אהער האבן זיי גאר ניט גיוואוסט די פינצטערנס וועל איך מאכן ליכטיג פאר זיי און פון קרום גלייך כלומר דאמאלס וועט מען דיא תורה און מצות מיט אלע זייערע נוטצין פאר שטיין גרונטיג:

מי בכם יאזין זאת יקשיב וישמע לאחור מי נתן למשסה יעקב וגו' הלא ה' זו חטאנו לו וגו' ולא ישים על לב דאס טייטש ווער פון אייך זאל הארכן אויף שפעטר. דעם פשט פון הארכן שפעטער פאר שטייט זיך בדרך משל ווען אגרויסר דאקטר זאגט איינעם אן ער זאל זיך היטן מיטן עסן פון דאס און דאס און אז ניט וועט ער באקומען יענע און יענע קראנקהייט און פאלגט און בלייבט בייא זיין גיזונד הייסט דאס ער הארכט פון אנפאנג. אבער ווען ער פאלגט ניט און בעקומט יענע קראנקייט איז אפעילה אויף שפעטר וועט ער אים שוין גיוויס פאלגין ווען ניט איז ער אמתחייב בנפשו ווען ער זעט דאך וואס פר ארופא מומחה ער איז. דאס מיינט דר פסוק מיר ווערין ניט בעסר אפילו נאך די פורעניות ישמע לאחור וגו' כלומר איר האט דאך שוין גיזעהן דאס איבר איין זינד האט אייך גאט איבר גיגעבן צו רויבר אין האנט וויא דר נביא האט אייך פריער פאשטרעגט דארפט איר דאך לכל הפחות שפעטער דאס הייסט וויא איר זייט שוין גישטראפטע בעסער ווערן. ולא ישים על לב און דאך קיינער נעמט זיך ניט אריין אין זינען תשובה צו טאן:

פארדינגן אלע ווען ניט ליידן אלע (וויא עס ווערט שוין דאס גינוג גירעט אין מדרשים אונ אין אלע ספרים) אונ דאס איז די כוונה פון אונזר מדרש הקב"ה זאגט ווען צו ליב דיין קראנקייט דאס הייסט דעם חטא פון עץ הדעת מוז די ערד ליידן אונ נאך איין נעמען ביטערע מעדיצינען דערנר אונ קראפעווע איז דר יושר לכל הפחות גיב איר אוועק איר משכון איר הייפיל ערד וואס דער חומר דיינר איז דר פון באשאפין גיווארן ווען ניט איז אגזלה:

ויאמר יי אל קין וגו' הלא אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רובץ ואליך תשוקתו ואתה תמשל בו גאט האט גיזאגט צו קין אויב דו וועסט גוטס טאן וועסטו נאך קענן דר טראגן ווען ניט ליגט דאס זינד דאס איז גימיינט דר יצר הרע ביין טיר אונ זיין גילוסטיקייט איז צו דיר אונ דו זאלסט זעהען אויף אים צו גיוועלטיגין. אין פלוק ווען דר יצר הרע איז אזו קליין וואס ליגט נור ביין טיר ווייזט אוים ער איז גאר שוואך טוא ווארום זאגט הקב"ה אז מען זאל זיך זעהן מיט אלע כחות צו שטארקן געגן אים. דאס וועט רעכט ווערן מיט א משל. איינר איז גיווען א גרויסר נדבן אונ אמכניס אורח ווער עס האט גיוואלט איז אלין גיקומען צוא אים אונ גיגעסן אונ גיטרונקן האט דאס די וייב זיינע זייער דו' עסן ווי די גמרא זאגט אשה עינה צרה באורחים איין אשה ליידעט קיין געסט ניט דרום האט זיא אן גיזאגט אזו ווען עס וועט אריין קומן איין ארעמאן אונ אוועק זעצן זיך ניט ווייט פון טיר זאלט איר שווייגן אויב אבר איינר וועט קומן רבנות גיקליידט אונ קריכט גלייך אויבן אן זאלט איר אים גלייך אפ זאגן אז דא איז פאר אים קיין ארט ניטא דען דער גאנצר דלות וואקסט נור פון אזעלכע לייטין אבער יענע געבאך קומט מען אפ מיט וואס עס איז. ויהי היום איז גיקומן אגמיינר אורח אונ שטעלט זיך אפ ביין טיר אין אוויילע ארום איז ער ארויף אביסל ווייטר אויבן אן צו לסוף האט ער זיך איבר גיטאן אין אזיידנע זופעצע מיט פאסעמאן אונ מיט זילבערנע האקין אונ אריין גלייך צום בעל הבית אין צימער. דער גוטר מענטש האט קוים דער זעהן אזו איין אורח הגון האט ער אים גיהייסן דער לאנגן פון כל טוב אונ דיא בעל הביתטע האט שוין גימוזט האלטן פר ביסן די ציין אונ קוקן אונ שווייגן. דר נמשל איז דער יצר הרע וויא די גמרא זאגט אין סוכה אין אן הייב ווערט ער אן גירופין (אין דעם משל וואס נתן הנביא האט גיזאגט צו דוד המלך אין שמואל ב') הלך אדורך גייער דאס הייסט ער רעט אן נאר צו אקליינע עבירה אוויילע ביין טיר שטיין דער נאך ווערט ער אן גרופן אורח ארעכטר גאסט אונ לסוף ווערט ער אן גירופן איש דר גאנצר בעל הבית ער טוט מיט דעם מענטשין וואס ער וויל ווי עס שטייט דארטן היום אומר לו עשה כך וכו' עד למחר אומר לו לך עבוד עבודת כוכבים והולך ועובד דאס הייסט היינט זאגט ער אים זיי נור עובר אויף עפעס איין גזירה דרבנן ביז ער פר פירט אים אין גאנצין דינסט אריין. אונ דאס רעט דר פסוק הלא אם תיטיב אויב דו וועסט זיך אין אן הייב גוט ארום קוקן שאת וועסטו קענן דר טראגן די מלחמת היצר. ווען ניט לפתח חטאת רובץ דאס זינד ליגט דאכט זיך וויא ביין טיר כלומר ער וועט זיך קוים איין בעטן דו זאלסט אים עפעס פאלגן. אבר ואליך תשוקתו זיין לוסט איז דיין נפש אין גאנצין איבער צוא פירין. דריבר זאג איך דיר אן ואתה תמשל בו דו זאלסט זעהן אין אנפאנג אויף אים צו בהערשן דאס הייסט גובר צו זיין דעם יצר הרע:

## הפטרת בראשית

כה אמר האל יי בורא השמים ונוטיהם רוקע הארץ וגו' נותן נשמה וגו' דאס טייטש אזו האט גזאגט גאט דער האר וואס ער באשאפט די הימיל ער שפרייט אוים די ערד ער גיט איין נשמה צו די פאלק וואס אויף איר איז. דער פסוק זאגט דא ער באשאפט ער שפרייט אוים ער גיט כלומר איצט טוט ער דאס הגם די הימל אונ ערד זיינן שוין לאנג באשאפן גיווארן דארף דאך אייגנטליך שטיין ער האט באשאפן נאר ווייל די פעולה פון הקב"ה איז ניט ווי די פעולה פון א בשר ודם דען

מאשר יקרת בעיני נכבדת ואני אהבתיך דאס טייטש הקב"ה זאגט וויל דו ביסט טייער ביי מיר ביסטו גיעהרט גיווארין אונ איך ליב דיך. מען דארף פר שטיין סוף יענעם קאפיטיל שטראפט ער ישראל מיט הארטע רייד היינו ולא שמעו בתורתי וגו' ותבער בו וגו' דאס הייסט דר צארן פון פורעניות ברענט זייא אונ זייא בעסערן זיך אלץ ניט אונ מיט איין מאל רעט ער שוין אזו ליבליך. דר תירוץ איז אזו די חשיבות פון יעדר זאך קען זיין ענטוועדר וויל אין עצם איז דאס טאקע גוט אונ טייער אדר נור וויל דאס איז איין זעלטנהייט למשל אפאטר ליבט זיין קינד אדר וייל ער איז א גוט קינד אדר איבר דעם וואס ער איז ביי אים אציטעריגר פון זיבן קאם איינר גיבליבין הגם דר זון איז אין טויגעניכץ אונ פרעמדע לייט קענן אים גאר ניט ליידן. דאס איז די כוונה פון דעם פסוק מאשר יקרת בעיני נכבדת דו ביסט גיעהרט אין מיינע אויגן נור וייל דו ביסט איקר אציטעריגר קינד (דען יקר ווערט אן גירופן די זאך וואס איז זעלטן) דען דו ביסט פון טויזינד איינר גיבליבן ביי מיר דרום ואני אהבתיך מער ניט איך אליין האב דיך האלט הגם ווערט ביסטו ניט אזו אבר אלע לייט דארפין דיך ניט ליבן על כן זאלסטו זעהן זיך בעסערן אונ גיין אין ריכטיגן גוטן וועג זיך פירן מיט גוטע מדות אונ טאן מעשים טובים דאן וועט זיין מיין ליבשאפט צו אייך באמת אונ אלע לייט וועלן אייך אויך ליבן ווי דר תנא זאגט אין מסכת אבות איזהו דרך ישרה שיבור לו האדם כל שהיא תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם דאס הייסט ווען קען דר מענטש וויסן אויב ער טוט ריכטיג נוטעם אויב פרעמדע מענטשן איז אויך גיפעליג זיינע מעשים טובים אונ זיי לויבן אים דר פר:

## פרשת נח

אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו דער מדרש שרייבט רבי יוחנן זאגט ביי דעם וואס שטייט דער ווארט היה איז ער גיוועזין אצדיק זיין גאנצן לעבן פון אן הייב ביז סוף. אז עס שטייט אחד היה אברהם וייל אז ער איז דרייא יאר אלט גיוועזן האט ער שוין דר קענט אז עס איז דא אבורא אויף דער וועלט. רבי חייא אונ רבי יוחנן זאגן צו אכט אונ פערציג יאר האט ער איצט דר קענט דעם בורא כדי ער זאל קענן ברייגן די וועלט צו תשובה. ד' קשיא איז הארב וועקביז אכט אונ פערציג יאר האט ער דאך גידינט עבודת כוכבים איז אלץ קשה ווארום שטייט ביי אים דר ווארט היה אונ ווידר פאר שטייט מען ניט וויא אזו מיט זיין עבודת כוכבים דינן האט ער אן גימאכט בעלי תשובות. דאס וועט ערקלערט ווערין מיט אמשל. אין איין ארט האט זיך מתנדב גוועזן איינר אגעוויסר נגיד אונ דר צו אגרויסר בריה מיט אפייערדיגע מויל צו זיין אשטאט מגיד אבר וויא וואול ער האט גידרשת האט זיינע מוסר ותוכחה גאר ניט גיווירקט אויף דעם עולם דען זייא פלעגן אזו זאגן. אים איז גוט צוא הייסין לערנען. פרום אונ ערליך זיין. וייל ער איז פון אייבינג אן איין קצין אונ איין בעל שפע ער קען אבער גאר ניט דעם טרויעריגן לעבן פון די גימיינע לייט דאס יעדר מינוט זיינען זיי וויא פר קויפטע אונ יעדר פרוטה איז ביי זיי אנסיון. על כן האט מען גינומען אויף זיין ארט איין ארימען פרוש אלמדן איריא שמים וואס זיין גאנצן לעבן זיצט ער אונ לערינט. ער האט אבר מיט זיין זאגין אויך קנאפ גיווירקט. דען מען פלעגט זאגין ווען ער וואלט פר זוכט האנדיל קאפ דרייענס אונ עטוואס תענוגי עולם הזה וואלט ער שוין וואס אנדערש גזאגט האבן זיי זיך מישב גוועזן אונ האבן גינומען איינעם אדרשן וואס ער איז גיוועזן אאיד אסוחר אונ איצטר איז ער גווארן אגרויסר יורד אים האט מען שוין גיהארכט וייל ער איינער איז גיוועזן אבילד פון אלע קלאסן מענטשן. דער נמשל איז ריכטיג. די תורה זאגט אן הוכח תוכיח את עמיתך מוסר זאגן קענסטו נאר דיינעם אגלייכין חבר אויך דיא גמרא זאגט אין יומא דער תנא הלל וואס ער איז גיוועזן איין עני באשולדיגט ער אין יענעם עולם די עניים. אונ רבי אלעזר בן חרסום וואס ער איז גיוועזן אגרויסר עושר באשולדיגט ער עשירים. דאס גלייכן אברהם אבינו וואס ער איז גיוועזן דער ערשטר וואס האט ערקלערט אז עס איז דא אגאט אויף דער וועלט. ווען

פון יוגנט אן וואלט ער געווען איין עובד השם וואלט מען אים גאר ניט געהארכט. וויא דער מדרש זאגט אין קהלת ווען אנאנדערער ניט שלמה המלך וואלט געזאגט הבל הבל. וואלט מען אים גאר ניט הערן. ווען ניט יתרו וואס האט פריער אויס גידינט אלע עבודת כוכבים וואלט געזאגט כי גדול ה' וגו' הקב"ה איז גרעסר פאר אלע געטער וואלט מען אים גאר ניט גיגלויבט. דאס מיינט דער מדרש. מיט זיין עבודת כוכבים דינען האט ער גיבראכט די וועלט צו תשובה. דרום האט ער פאר יענע יארין אויך שכר אונ הייסט איין צדיק פון אן הייב אן דרום שטייט ביי אים דר ווארט היה:

ותשחת הארץ לפני האלהים וגו' והנני משחיתם את הארץ דאס טייטש דיא לאנד [illegible]ז פאר דארבין גיווארן פר גאט ער האט דר זעהן דאס יעדר באשעפינס האט פר דארבן זיין וועג אויף דר לאנד האט ער גיזאגט אונ איך פר דארב זיי מיט די לאנד. דא איז צו פרעגן איינגע שאלות איינס וואס שטייט ותשחת הארץ אונ ניט נשחת האדם דר מענטש האט פר דארבין ווי עס שטייט סוף בראשית כי רבה רעת האדם בארץ. צווייטינס דארטין גופא איז דער ווארט בארץ איבעריג ווארום צו ווייסן מיר דען ניט אז דר מענטש איז גיוועזן אויף דר ערד אונ ניט אויפן הימל. דריטינס אלע ברואים האבן דאך קיין איינגע בחירה ניט מער ניט דעם נאטור מיט וועלכין זייא זיינן גיבארן גיווארין טוא וואס האבן די באשעפענס גיקענט פאר דארבין. פערטינס וואס זאגט הקב"ה והנני משחיתם את הארץ דאס איז טייטש איך פאר דארב זיי מיט די לאנד אונ ניט מן הארץ פון די לאנד. פינפטינס דארף מען פר שטיין דעם פשט פון מדרש אויף דעם פסוק אחור וקדם צרתני וגו' דאס טייטש שפעטער אונ פריער האסטו מיך באשאפין זאגט רב נחמן שפעטער פון אלין אבער צוא אלע שטראפונגס בין איך (מענטש) פריער אונ ווארום זאל דאס זיין אזו. זעקסטינס די גמרא זאגט אין חולין כל מעשי בראשית בצביונם נבראו וכו' אלע באשעפינס זיינן באשאפן גיווארן ווי די ברואים האבן אליין גיוואלט אזו האט הקב"ה יעדערין באשאפין איז דאך אקשיא ווארום האבן זיי זיך ניט אויס גיקליבן בעסר באשאפן צו ווערן מענטשן וואס דער מענטש מיט זיין חכמה איז אמושל איבער אלע ברואים. זיבעטינס דער פסוק זאגט אין תהלים יעלוז שדי וגו' כי בא לשפוט וגו' אלין אין דער וועלט וועלין זיך פרייען ווען הקב"ה וועט משפטין די איין וואוינר פון די לאנד איז די פראגע וואס איז מיט זייא די שמחה. דאס אלץ וועט מתורץ ווערן מיט אמשל. אין אשטאט האבן גוואוינט צווייא פלאקס הענדלער איינער האט קליין גיהאנדילט נור מיט זיין אייגנעם קאפיטאל אונ דער אנדערער זייער גרויס אבר מיט פיל פרעמדע געלט. ויהי היום אז דר ערשטר איז גיפארן פר קויפין זיינע סחורה איז ער אריין גיפארין מיט זיינע עטליכע פורין פלאקס אין אקרעטמע נעכטיגן אין מיטן נאכט האט דר בעל הבית אים אויף גיוועקט אונ גהייסן וואס גיבער ארויס פארן דען יענר גרויסר סוחר איז אן גיפארין מיט אפולע פורין פלאקס גיווים האט דאס אים שטארק פר דראסן אבר וואס זאל ער טאן מיט דר צייט האט זיך גימאכט דאס דר גרויסר סוחר האט זיך פר שווינדילט אונ אן גיזעצט האבן דיא בעלי חובות אים ארין גיזעצט. זיינן גיגאנגן צוויי גוטע פריינד זיינע איבערן שטאט צו זאמן מאכין כדי אים אויס צו לייזן. וויא זייא זיינען ארין צו דעם קליינעם סוחר האט ער אן גיהויבן מיט שמחה דאנקען אונ לויבן הקב"ה פר וואס זיין נאטור איז ניט צו שווינדלן אונ איז אשמח בחלקו. דער משל איז וועלטליך אבר דער נמשל איז תורת אמת. דער זוהר הקדוש שרייבט אין פרשת פינחס די אלע מעשי בראשית האבן יעדערער באזונדר גיגעבן צו שטייער צו די בריאה פון אדם הראשון דרום איז ער באשאפן גיווארן שפעטר פאר אלע ברואים אונ ווערט אן גירופין עולם קטן אקליינע וועלטיל. אונ מיט זיין תורה אונ מעשים טובים איז ער משפיע כחות אין זיי אלעמן אונ דורך זיינע

עבירות ליידן זיי אלע אונ ער אליין נאך מער למשל וויא איניגע קאפיטאליסטין קלייבין אויס דעם קלינגסטן פון זיי אונ לייגין צו זאמן ביי אים זייערע קאפיטאלין ער זאל פאר זיי אלעמן האנדלן גייט אים גוט איז פר זיי אלעמן נוט פר קערט אבר איז פר זיי ניט גוט איז אים נאך ערגער. וויא דער תנא זאגט אין אבות הקב״ה האט די וועלט באשאפן מיט צעהען מאמרים אונ ניט מיט איין מאמר להפרע מן הרשעים שמאבדין את העולם כו׳ ולתן שכר טוב לצדיקים שמקימין את העולם כו׳ דאס טייטש כדי מער צוא שטראפין די רשעים וואס זיי פירן איבר אזו אוועלט וואס צעהן מאמרים פון גאט זיינען אן גיווענדעט גיווארן איר צו באשאפן אונ צו געבן איין גרעסערן שכר די צדיקים וועלכע זיי האלטן אויף אזו אוועלט (ווי עס שטייט דאס דר מאנט אין בראשית אויף דעם פסוק ארורה האדמה בעבורך) דר מיט איז שוין רעכט די אלע זאכן דיא פסוקים וואס שטייט אלץ ארץ די לאנד איז גימיינט אלע בשעפענס פון דר וועלט ווערן פר דארבן דורך דעם מענשינס בייזע מעשים אונ דאס איז דיא כוונה פון מדרש אחור כו׳ ווייל ער איז בשאפן גיווארן דר שפעצטער אונ האט אין זיך פון אלעמענס חלקים דרום איז ער פריער צום עונש אויב ער איז ניט פרום אונ דרום האבן זיי קיינר ניט גיוואלט זיין מענטשן אונ פרייען זיך אלע ווען הקב״ה משפט דיא מענטשין וויא דער משל מיט דעם קליינעם סוחר:

ויחל נח איש האדמה ויטע כרם נח האט אן גהייבן ווערן אלאנדם מאן אונ האט גפלאנצט אויין גארטן. דר מדרש טייטשט ויחל. נתחלל ער איז פר שוועכט אונ פראסט גיווארן ווייל ער האט זיך באלד נאך דעם מבול גיחאפט צו אויין גארטן אונ ניט צוא עפעס אבעסערע תקנה. רבי חייא בר אבא זאגט אין דעם זעלביגן טאג וואס ער האט פר פלאנצט האט ער זיך שוין פונדעם ויין גארטן איין גישיכורט אונ מבוזה גיווארן מיט זיין אפ דעקן זיך. דא איז קשה ווען נח האט ניט רעכט גיטאן טוא

ווארום האט הקב״ה דארין אריין גישיקט אזו אמזל ברכה. דר תירוץ איז מיט אמשל איינר איין ארימר שפייז קרעמעריל וואס די גאנצע אשת חיל איז גיוועזן די ווייב אונ ער פלעגט פאר ברייננגן ביז האלבן טאג אין בית המדרש נאטירליך ווען ער פלעגט קומן פלעגט זיא זיך מיט אים קריגן פר וואס ער איז קיין פר דינר ניט אמאל גייט ער מיט אביטערן הארצן פון בית המדרש בגעגינט אים אגרייז גראער איד אונ דר לאנגט אים שלום גיט ער אים צוריק שלום אונ פרעגט וועד איז ער זאגט ער אליהו הנביא אונ ווייל איך וייס דיין טרויעריגין גימיט בענטש איך דיר דאס אין דעם ערשטן עסק וואס דו וועסט אן הייבן טאן גליך וויא דו וועסט קומן איצט אהיים זאל אריין אמזל ברכה ער איז גילאפן צום קראם אונ צו גפאלן צום טיש קעסטל ציילן די עטליכע קאפיקעס כדי די מזל ברכה זאל אריין אין דעם. די וייב וואס וויים פון קיין מעשה ניט האט זיא אים גיט צו גילאזן אונ האט אן גיהייבן קריגן אונ שילטין זיך מיט אים איז דיא מזל ברכה אריין אין דעם אונ האבן זיך כמה וואכן גאך אנאנד אפ גישאלטן. דר נמשל איז דאס דר זוהר הקדוש שרייבט דאס שבת איז זיך גובר דר מדת החסד ורחמים אונ ווען מען היט שבת וויא גיהעריג אונ מען רעט ניט אוים קיין שלעכטן ווארט ציהעט מען פון שבת ברכה אונ הצלחה אויף אגאנצע וואך אויב ניט איז פר קערט חלילה אונ אזו טייטשט דר מדרש דעם פסוק אין משלי ברכת ה׳ היא תעשיר ולא יוסיף עצב עמה גאטס ברכה מאכט רייך דאס מיינט מען דעם טאג שבת אבר ער זאל חלילה ניט פר מערן נאךמער טרויערקייט דורך איר דאס הייסט ווען עס איז קללות אונ מחלוקות אום שבת ליידט מען דר פון אגאנצע וואך. גם איז ידוע דאס נאךפורעניות איז זיך גובר דר מדת הרחמים למשל ווי אפאטער שלאגט אן אקינד איז ער אים נאך דעם מער מקרב ווי ישעיה הנביא זאגט ברגע קטן עזבתיך וברחמים גדולים אקבצך ארגע האב איך דיך פר לאזן דרום וועל איך

דיך מיט גרויס ערבארימונג פר זאמלען אויך ביי איוב שטייט וי' ברך את אחרית איוב מראשיתו גאט האט אים גיבענטשט לסוף נאך די צרות זיינע מער ווי ער האט גהאט גאר אין אנפאנג דאס גלייכן נאך דעם מבול האט הקב"ה גיזאגט לא אוסיף לקלל וגו' ויברך אלהים את נח וגו' דאס טייטש איך וועל מער ניט שילטן און ער האט גבענטשט נח. על כן ווען ער וואלט אן הייבן עסקן אין אוויכטיגע זאך וואלט אריין אין דעם די ברכה ער האט זיך אבער גנומען צו ווייןדרום איז תיכף צייטיג גיווארן און האט זיך גוט אן גישוועכט און שוין גיהאט אגוטין בזיון כלומר די מזל ברכה איז אריין אין דעם ווי א דער משל מיטין קרעמער:

# הפטרת נח

אל תיראי כי לא תבושי וגו' דאס הייסט דו זאלסט קיין מורא ניט האבין דען דוא וועסט זיך ניט דארפין שעמען. דיא נבואה ערקלערט זיך מיט אמשל אז איינער קריגט זיך מיט די ווייב און ער גט איר אפ און נעמט איר צוריק איז ווען זיא דער מאנט זיך די פריערדיגע זלזולים פון מאן שעמט זיא זיך אבער אז עם האט זיך גיטראפין אפאר פאלק וואס האבין קיין קינדער ניט גיהאט און דאקטורים האבן גהייסן זיי זאלן ניט זיין צוזאמען ביז אבעשטימטע צייט ווארום דאס וועט זיין ארפואה צו קינדער ווען ער נעמט איר צוריק האט זיא זיך דאמאלס ניט וואס צו שעמען דען די שיידונג איז ניט גישעהען מחמת שנאה נאר אדרבה כדי די אהבה זאל זיין שפעטער שטארקר און דויערגער דורך די קינדר וואס וועלן גבארן ווערן. אזוי זיינען גיגליכן די אידן אין גלות ווי די ספרים שרייבן אלע צרות וואס מיר האבן גליטן איז אפעולה צו די גאולה שלמה במהרה בימינו אזוי ווי דאס אקערן איז נייטיג צו די תבואה עס זאל וואקסן. מיט די נחמה טרייסט אונז דער נביא אל תיראי כי לא תבושי וגו' אז משיח וועט קומען וועסטו זיך ניט דארפן שעמן מיט די צרות וואס דו האסט גליטן כי בועליך עושיך וגו' דען דיין מאן דאס הייסט הקב"ה טוט דאס דיר פון דיין טובה וועגין וויא וייטער שטייט בחסד עולם רחמתיך אמר גאלך יי גאט דיין אוים לייזר זאגט איך וויל מיט דיר טאן איין אייביגן חסד וויא יענער וואס גט אפ די ווייב כדי אז ער וועט איר צוריק נעמען זאל שוין די אהבה זיין איין אייביגע:

בצדקה תכונני רחקי מעושק כי לא תיראי וגו' דאס טייטש מיט גירעכטיקייט וועסטו אויף גיריכט ווערן דו וועסט ווייט זיין פון רויב דען דו וועסט ניט מורא האבן דער פסוק ווערט ערקלערט מיט דעם ענין וואס עס איז פאראנען צווייערליי יראת שמים. יראת העונש דהיינו ער איז פרום ווייל ער האט מורא אז ניט וועט אים הקב"ה שטראפן דרום איז ער בעסר מקיים תורה און מצות כדי צו באקומען שכר טוב אויך איין העכרן גראד יראה זי ווערט אן גרופן יראת הרוממות דאס איז גימיינט דורך דעם וואס ער איז משיג זייער טיף און וייט די גדלות פון השי"ת פאלט אויף אים איין אימה ופחד למשל מיר שרעקן זיך פאר אגרויסן גאון און אחכם ניט ווייל טאמר וועט ער אונז עפעס וואס בייזעס טאן נאר צוא ליב זיינע וויכטיגע און וואונדערליכע מעלות. דער רמב"ן טייטשט נורא תהלות גאט ברוך הוא איז פארכטיג נאר איבער די לובונגן און די מעלות טובות זיינע. דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים יראו את יי קדושיו כי אין מחסור ליראיו דאס איז טייטש דיא היילינגע צדיקים האבן מורא פר השי"ת חען אפילו זייא האבן כל טוב און עס פעלט זיי גאר ניט. מיט די כוונה זאגט אן דר נביא טרייסטונג צו ציון בצדקה תכונני רחקי מעושק כי לא תיראי כלומר אז משיח וועט קומען וועלן דאמאלס אלע אידן שטיין אין אזוי איין הויכע מעלה פון יראת שמים נור פון הויליגע ריינע גירעכטיקייט און וייט זיין פון צוא טאן רויב און שלעכטעס ניט איבר די מורא פר איין עונש נאר איבר יראת הרוממות ווייל זייא וועלן מורא און בושה האבין פאר זיין גרויסקייט דען איטליכער וועט משיג זיין די גבורות ונפלאות הבורא יתברך שמו:

# פרשת לך לך

ויאמר יי אל אברם לך לך מארצך וגו' אל הארץ אשר אראך גאט האט גיזאגט צו אברם גיי ארויס פון דיין לאנד פון דיין פאטערס הויז אין די לאנד וועלכע איך וועל דיר ווייזן דער מדרש שרייבט דרום האט ער אים ניט באלד מגלה גיוועזן דעם ארט וואו הין ער זאל גיין כדי צוא געבן אים שכר פר יעדר טריט דאס קען מען מקרב אל השכל זיין מיט איין משל צוויי זיינען גיפארן

רפי

פון איין שטאט אין די אנדערע איינר ווייל ער האט גיבאנקראטירט דרום מוז ער אנטלויפן פון דארטין אונ דער אנדערער פארט קויפין סחורה דר חילוק אין דר נסיעה איז דאס דר ערשטר וואס ער מוז זעהן זיך מרחיק צו זיין פון זיין שטאט טוט ער אפעולה ביי יעדער טריט וואס ער פארט אף אבר דר צווייטר ווען איז איצט אוים גפירט זיין פעולה אז ער קומט אין שטאט וואס דארטין איז צו קויפין דיא סחורה ווארום אפילו איין ווארסט פאר דער שטאט קען ער נאך אלין ניט קויפן די סחורה. דר נמשל איז דאס דר מדרש שרייבט הקב"ה האט גיוואלט דאס אברם זאל זיך מרחיק זיין פון זיין פאטר תרח אונ וואינן אין ארץ ישראל איז דאך אקשיא ער האט נור באדארפט זאגן גיי אוועק קיין ארץ ישראל ממילא וועט ער שוין ניט זיין ביי זיין פאטר אלא דרום זאגט הקב"ה גיי ארויס פון דיין לאנד צו ווייזן אז דר אוועק גיין איז אבאזונדערע מצוה על כן וועט ער באקומען שכר אויף איטליכן טריט ווייל וואס אטריט ווייטר איז ער דאך זיך אלין מער מרחיק אבר דעם שכר פר דעם זיין אין ארץ ישראל איז דאך דווקא בעת ער וועט שוין אהין קומען :

ויאמר אברם אדני אלהים מה תתן לי ואנכי הולך ערירי די גמרא זאגט אין ברכות רבי שמעון בן יוחאי זאגט צייט הקב"ה האט דיא וועלט בשאפן האט אים קיינר ניט גירופן מיט דעם נאמן אדון ביז אברהם איז גיקומן אונ האט אים גירופין אדון אויך דניאל איז גיענטפערט גיווארין אין זיין תפלה צוא ליב דעם דען ער זאגט דארטן אין דניאל והאר פניך וגו' למען אדני אונ ניט למענך וגו' וויא עס שטייט ווייטר למענך אלהי ווייל ער מיינט למען אדני צו ליב דעם זכות פון אברהם וואס ער האט דיר גירופן אדני. צו פר שטיין די כוונה פון נאמן אדון אונ ווארום האט דניאל אזו גיפועלט דאמיט וועלן מיר מקדים זיין אמשל איונגר גראף האט גירשת אשטאט ער איז גיוועזן פון מרחקים אונ קיינר האט אים ניט גיקענט דאס ער איז דר יורש האבין זייא אים קיין צינז גיצאלט אונ קיין אבגאבין אונ ער האט קיין שום איינטראג גהאט ביז עס איז גיקומן אגרויסר פראקוראר אונ האט אן גזאגט די שטאט לייט דאס דער גראף איז זייער האר אונ די שטאט איז זיינע אונ ער האט גלייך גימאכט פקידים אויף אלע הכנסות זיינע אונ שטרייננגע זאקאנעס מיט שטראף פר דעם וואס וועט עובר זיין מיט דר צייט האט זיך גטראפן דאס דעם פראקוראר איין איינקל האט וואס פר זינדיגט געגן זיינע גיזעץ האט ער אים אריין גיזעצט אין תפיסה איז גיקומן איינר איין אלטר מאן פר אים זיך משתדל זיין אונ זאגט צום גראף איך גידיינק דאך אז דיין גאנצע הכנסה אונ דאס וואס די שטאט לייט האבין דיך פון אנפאנג גאר דר קענט פאר אהאר וואקסט דאס אלין ארויס פון זיין זיידן דרום איז דער יושר אז צו ליב אים זאלסטו זיך מיט זיין איינקל באגיין לפנים משורת הדין אונ זיי אים מוחל דרום האט ער גיהייסן מען זאל אים תיכף ארויס לאזן. דר נמשל פר שטייט זיך דאס איז ידוע אז פאר אברהם אבינו האט מען הקב"ה גאר ניט גידינט ווייל מען האט גאר ניט גיוואוסט פון אים אונ הגם ער האט קיין הכנסה גיהאט דאך האט ער גישפייזט דיא וועלט במדת החסד אבר וויא אברהם איז גיקומן אונ ערקלערט אז עס איז דא איין אדון אונ אמושל איבער דר וועלט וואס מען מוז אים פאלגן אונ צאלן צינזן מיט תורה ומצות וויא דער פסוק זאגט למען אשר יצוה וגו' ושמרו דרך יי' וגו' האט זיך שוין דיא וועלט אן גיהויבן פירן מיט דין ומשפט דאס הייסט וויא איינר פר דינט אזו האט ער וויא דר מדרש דרשת אויף דעם פסוק וישיבו אל עין משפט דאס איז גימיינט אברהם דען דורך אים האט זיך אין דר וועלט גפונן די מדה פון משפט על כן איז דער יושר אז מיט זיינע איינקליך זאל זיך הקב"ה נוהג זיין לפנים משורת הדין' דאס איז דער פירוש פון נאמן אדון הער אונ הקב"ה האט גיפאלגט צו דניאל אונ מוחל גיוועזן אידישע חטאים צו ליב דעם

כביכול וויא דר גראף דעם חכמים איינקיל :

ויאמר אברם הן לי לא נתתה זרע וגו' ויוצא אותו החוצה ויאמר הבט נא השמימה וגו' כה יהיה זרעך אברם האט גזאגט מיר האסטו קיין קינדר ניט געגעבן האט ער אים ארויס גיפירט אין דרויסן אונ זאגט קוק אויפן הימל אונ צייל די שטערן אזו פיל וועלן זיין דיינע קינדר. דר ילקוט שרייבט אברם האט גיזאגט איך האב גיזעהן אויף די שטערן אז איך וועל שוין קיין קינדר ניט האבן האט הקב"ה אים גיענטפערט גייא ארויס פון דיינע שטערין זעהעריייא פון דעם זעלביגין שטערן וואס דו זעהסט אז ניט ווייז איך דיר איצט דוקא אז יוא דא איז אקשיא אברהם וואס ער איז גיוועזן דר גרעסטר שטערנזעהר וויא עס שטייט אין גמרא אונ אין מדרשים זאל האבן אזו איין טעות אונ אויב ער מיינט ער וועט איבער מאכין זיין מזל דארף דאך שטיין איך וועל דיר ווייזן דאס הייסט איך וועל איבר מאכן ניט איך ווייז דיר איצט דאס ווערט ערקלערט מיט א משל א ישובניק האט באהאלטין זילבר אונ תכשיטים ביא א שטאט מאן האט זיך גיטראפן אסבה מען האט דאס ארויס גיגנבת האט דר שטאט מאן תיכף ומיד ארויס גישיקט א שליח אן זאגן דעם ישובניק אונ דר ישובניק האט זיך באלד אוועק גילאזן זוכן זאגט דר שליח עס איז גאר איין עבירה דער זוכין מער ניט דוא וועסט נאך צו לייגן הוצאות ענטפערט ער אים פון דיר גופא איז א ראיה אז עס איז דא א האפענונג צו גיפינען ווען ניט ווארום האט ער דיר גישיקט היילענד מיר אן זאגן . דער נמשל איז אלע ווייסן בשעת מיר זיינן גיוועזן אין ארץ ישראל אונ ביי אונז איז גוועזן נבואה פלעגט הקב"ה שיקין דורך דעם נביא פריער אן זאגין איטליכין פורעניות וואס ער וויל ברייגגן כדי מען זאל זעהן תשובה טאן אונ די גזירה זאל צו ריסן ווערן די גמרא דר ציילט אין מסכת ברכות אז ישעיה הנביא איז גקומן צו חזקיהו מלך יהודה אן זאגין דאס ער מוז שטארבין וייל ער האט ניט חתונה גיהאט

האט ער זיך אפ גירופין זאג אפ דיין נבואה אונ גייא דיר . כלומר איך שרעק זיך ניט דען תשובה וועט מיר העלפן ווען ניט ווארום האט גאט גישיקט צו מיר. דר מדרש שרייבט דרום זיינן די אמהות גוועזן עקרות ווייל הקב"ה גילוסט צוא די תפלה פון צדיקים נמצא אז הקב"ה האט בעדארפט מגלה זיין אברהם אבינו אז ער וועט קיין קינדר האבין כדי דר ווייל זאל ער תשובה ותפלה טאן אונ קיין נביא חוץ ער אליין איז דאמאלס ניט גיוועזן דרום האט ער אים גימוזט ווייזן דורך דיא שטערן ווארום ווען ער אליין וואלט אים אן זאגן וואלט זיין ווארט שוין גיהאט גיפועלט אויף שלעכטס אונ עס וואלט שוין אזו אין אמתין גיבליבין וויא עס ווערט גירעט אין חקירה ספרים, דאס איז די כוונה פון מדר"ש פון דעם שטערן וואס דו זעהסט אז דו וועסט קיין קינדר האבן מיין איך אדרבה דיר צוא ווייזן אז דו וועסט יוא גבארן נור מיט תפלה אונ א מענטש קען מיט תשובה אונ תפלה איבר שטייגין זיין מזל ווארום אז ניט וואס איז דיא פעולה וואס איך ווייז דיר דורך דעם שטערין :

ויאמר אדני אלהים במה אדע כי אירשנה וגו' דר מדר"ש שרייבט ניט אברהם האט גימיינט במה אדע וויא אזו ווייס איך אז איך וועל ארבין ארץ ישראל היינו איך גלויב ניט נור ער מיינט פר וועלכן זכות קומט דאס מיר אונ אויב אז יוא אזו איז א גרויסע פראגע ווארום האט אים הקב"ה גיענטפערט ידוע תדע וגו' דאס טייטש דו זאלסט וויסן אז דיינע קינדער וועלין פיר הונדערט יאר זיין אין גלות כלומר דער פון ווייזט דאך אויס אז ער איז גשטראפט גווארן פר זיין פרעגן במה אדע וגו' עס וועט דאס אבר רעכט ווערן מיט א קורצן משל א דאקטר האט זיך אן גינומן א גיפערליכען קראנקן אויס צו היילן זאגט דר קראנקער צו אים איך גלויב דיר אז עס איז ריכטיג אבר זיי אזו גוט אונ ערקלער מיר מיט א שכל ווי אזו דיינע רפואות וועלן מיך היילין דאמיט וועל איך ביא זיך

שטייפער

שטייפער ווערן, דר נמשל איז ריכטיג אברהם האט גיבעטן מיט די ווערטר במה אדע וגו׳ ער זאל אים ערקלערן וויא אזו גלות קען זיין אמיטל צום ירשינן ארץ ישראל האט הקב״ה אים ערקלערט דעם גאנצן שכל דר פון מיט די ווערטר ידוע תדע וגו׳ דען אזו זאגט די גמרא אין ברכות דריי גוטע מתנות האבן די ישראל באקומן נור דורך יסורים. ארץ ישראל וכו׳ אונ דרום טייטשט דא דר מדרש ידוע שאני משעבדם תדע שאני גואלם דאס טייטש מיט דעם וואס איך וועל לאזן מיט זייא שווער ארבייטן וועט זיין ארפואה זייא אוים צוא ליידן וויא ביטערע מעדיצין היילן פיל קראנקהייטן :

ויהי אברם בן תשעים שנה ותשע שנים וגו׳ ויאמר אליו וגו׳ התהלך לפני והיה תמים ואתנה בריתי ביני וביניך וגו׳

דאס טייטש אז אברם איז אלט גיוואריז נאין אונ נאינציג יאר האט זיך גאט צו אים באוויזן אונ גיזאגט גיי פר מיר אונ זיי גאנץ אונ איך וועל געבן מיין זיכרהייט צווישן מיר אונ דיר אונ וועל דיך. פאר מעהרן זייער אונ זייער. דא איז צו פרעגן איינגע שאלות ערשטן הקב״ה האט דאך שוין כמה מאל צו אים זיך בעוויזן ווארום שטייט דא צוא נאין אונ נאינציג יאר ווייזט אוים אבר פריער ניט. צווייטנס ווארום זאגט ער ביני וביניך אונ ניט קורץ בינינו. דריטנס דר בי״ת פון ווארט במאד איז איבעריג. פירטנס דר מדרש שרייבט אברהם האט גיזאגט איך בין ניצול גיווארן פון ברענעדיגן קאלך אויבן אויך מנצח גיוועזן די מלכים אפשר איז שוין דאס מיין גאנצר שכר האט הקב״ה אים גזאגט האב קיין מורא ניט אנכי מגן לך חנם עשיתי עמך אום זיסט האב איך דיר דאס אלעס גיטאן אויף תרגום לשון איז מגן אום זיסט. דארף מען פאר שטיין דיא גמרא זאגט דאך דאס הקב״ה איז קיין וותרן ניט דאס הייסט ער שיינקט קיינעם ניט אבר מיט איין משל וועט אלע שאלות רעכט ווערן איינר איז גיקומען בעטן אשטעלע אין אגישעפט זאגט צו אים דער בעל הבית פיליכט טויגט איר ניט ענטפערט ער איך וועל דער ווייל דא זיין איינגע וואכין אויף אפראבע איז אזו גיוועזן ער האט אים צו גינומן אין גישעפט אין דעם משך האט דר בעל הבית גיט אזו מדקדק גיוועזן מיט אים ער זאל שטענדיג טאן אין גישעפט אונ גיט דר דינן אויף די לוין געלט זיינע ווייל בייא ביידין איז דער ווייל קיין מוז ניט גוועזן לסוף אז ער איז אים גיפעליג גוואורן דאמאלס האבן זיי שוין אפ גירעט די ארבייט וואס אויף אים איז מוטל צו טאן אונ ווי פיל שכירות דר בעל הבית דארף אים געבן אלין ריכטיג. דער נמשל איז הקב״ה כביכול מיט אברהם אבינו דען ער האט מקיים גיוועזן כל התורה כולה איידר ער איז גאר געווען אמחויב דאס הייסט צום פראבע וואלט אים דאך איינטליך קיין שכר ניט באדארפט קומען דאפיר דאך האט הקב״ה גטאן מיט אים נסים בתורת חסד וויא ער איז אבר גיקומען צו דר עלטר אונ הקב״ה האט אכטונג גיגעבן אז ער איז אטרייער דינר דא האט ער זיך שוין מיט אים אפ גשריבן אויס דריקליך די התחייבות פון ביידע צדדים דאס מיינט דר מדרש חנם וכו׳ ווייל פון זיך אליין האסטו זיך אין אן פאנג גינומן צו עבודת השם דרום האב איך דיר אויך גיגעבן שכר אום זיסט דאס הייסט נאר אן ארעכענונג אונ דאס זאגט דער פסוק ויהי אברם וגו׳ כלומר וויא ער איז שוין גיקומן צו דר עלטער אונ ער איז דעם בורא ב״ה גיפעליג גיווארן האט ער צו אים אזו גיזאגט התהלך לפני גייא פר מיר היינו בלייב מיינר אדינר אבער והיה תמים זייא גאנץ דאס הייסט פון היינט אן מוזטו דיא תורה ומצות פר פול מקיים זיין ואתנה בריתי אונ איך וועל געבן מיין זיכערהייט כלומר איך וועל מיט דיר ריכטיג אפ ריידין ביני וביניך וואס עס איז שייך צו מיר אונ וואס צו דיר ער מיינט דיא מצות וואס דו ביסט מחויב צו טאן אונ דעם שכר וואס דיר קומט דר פר במאד פר פיל מצות אונ עבודת השם מאד וועסטו פיל שכר באקומן אונ דער בי״ת באטייט אויף פר וויא דר בי״ת פון אעבדך וגו׳ ברחל איז דר טייטש איך וועל דיר דינן פר רחלן

ניט ווי ביז אהער וואס איך האב זיך מיט דיר גאר ניט אזו שטארק גירעכינט :

## הפטרת לך לך

למה תאמר יעקב ותדבר ישראל נסתרה דרכי מיי וגו׳ דאס טייטש ווארום זאגסטו ישראל מיין וועג איז פר בארגן פון גאט אונ מיין רעכט ווערט פון אים אוועק גיין ווייסטו דען ניט דאס ער באשאפט די ענדן פון דר וועלט זיין פר שטאנדיקייט איז ניט צו פאר שטיין ער איז אנותן ליעף כח די יונגען ווערן גישטרויכלט אונ דיא וואס האפן צו גאט בעקומן נייע קרעפטין . דער מדרש שרייבט די גאנצע פרשה פון די תוכחה לייענט מען פאר איינם ווייל עס שטייט אין משלי אל תקוץ בתוכחתו זאלסט ניט מאכן פון גאטס שטראף צו האקטע שטיקליך קוץ איז דער טייטש האקין . דא איז אקשיא פר וואס טייצט ניט דער מדרש פראסט תקוץ פר אומווירדיגן אויך איז נייטיג צו פר שטיין דאס וואס דיא גמרא זאגט אין ברכות עס איז אחיוב צו דאנקן אונ לויבן הקב״ה בשמחה רבה אויף איין רעה וויא אויף אטובה . למשל איין גרויסער עושר האט אראפ גיבראכט טייערע האלץ אונ קינסטליכע בעלי מלאכות פון מרחקים זיי זאלן אוים בויען פאר אים אטייערע הויז מיט מעבל האבן זיי פריער גיהאקט גיזעגט כדי אן גרייטן אלץ צו דר האנט וויא נייטיג איז דר בעל הבית איז אבר גיוועז אמענטש אפלוט אונ זייער אגדולדיג דר צו האט אים גקריינקט אונ ניט גיקאנט צו זעהן ווי זיי צו פיצלן אזעלכע טייערע מאטריאלן זיינע . איז ער אום גיגאנגען אויף זייא וויא ברוגז אונ מיט איין ווארט זייא גידרייט דיא קעפ אונ אויף יעדער שטיקיל אלץ גיפרעגט צו וואס נוצט דאס אונ וואס וועט זיין לסוף דר פון ביז זיי האט דאס שטארק דר עסן אונ האבין אפ גיטראטין פון אים אונ ער איז גיבליבן נור ביי די צו האקטע שטיקליך האלץ. דער נמשל איז אזו . מיר זעהן דאס רוב טובות וואקסין ארוים פון רעות נור מיר פר שטייען ניט אין אנפאנג דרום דער ריכטיגר בעל בטחון איז מקבל די רעות אויך בשמחה רבה אבער דער שוואכער אין בטחון איז אים לאנג ווייליג צווא ווארטן אויף די טובה אונ איז מתרעם גלייך אין אנפאנג אויף דיא השגחה דאן ווערט הקב״ה כביכול ברוגז אונ ווארפט אוועק אין מיטין ארבעט דאס הייסט מען בלייבט ביי די רעות אונ דיא טובות זעט מען ניט אן חלילה אזו וויא דוד המלך ע״ה זאגט אין תהלים כי לא יבינו אל פעולות יי ואל מעשה ידיו יהרסם ולא יבנם ווייל זיי פר שטייען ניט די חכמה פון השי״ת ארבעט דרום צו רייסט ער אונ בויט זייא ניט אויף דאס מיינט דר מדרש דעריבר אין די גאנצע פרשה פון די תוכחה ביז סוף רופט מען אויף נאר איין מענטשין כדי צווא לערנען אונז דאמיט די צרות מוז מען אן נעמן פר גוט אונ האפן מסתמא וועט לסוף דר אויבערשטער רחמנות האבן אונ פאר קערן דאס צום גוטן ווען ניט מאכט מען אן צו האקטע שטיקליך דאס איז גימיינט מען איז גורם אז הקב״ה לאזט אין מיטן ארבעט ביי די רעות . אונ די טובות לאזט ער ניט ארוים וואקסן דר פון . דעם מוסר זאגט ישעיה הנביא למה תאמר יעקב וגו׳ כלומר דו ישראל ווארום זאגסטו דאס דיין וועג איז פאר בארגין פון גאט דאס הייסט ער קוקט שוין ניט אויף דיר צווא בעסערן דיין שטאנד בורא קצות הארץ ער באשאפט דאך דעם סוף פון דר וועלט דאס הייסט מען מוז קוקין אונ שווייגן ביז מען וועט זעהען די גוטס וואס וועט צום סוף ארוים וואקסן פון די רעה דרום די יונגע לייט וואס האבן נאך ניט גזעהן פראקטיש אזעלכע זאכן אונ ריידן אויף זיין הנהגה ווערן גשטרויכלט וקוי יי אבער די וועלכע עס האפן צו גאט אז די רעה איז לטובה באקומן זיי דר פון מאקע נייע קראפט אונ טובות :

הלא ידעת אם לא שמעת אלהי עולם יי די גמרא זאגט אין קידושין דאס מען מוז רעכנען דאס אהעלפט וועלט זיינן באשולדיגט אונ אהעלפט אונשולדיג אונ דאהער ווען אפילו מען טוט מער ניט אז איין עבירה איז מען דר מיט מחייב די גאנצע וועלט דען זיא וועגט אראפ דעם וואגשאל זינד פון די גאנצע וועלט אונ אלע ליידן איבר אים חלילה . גם איז ידוע דאס דר נאמן אלהים ווייזט אויף דין אונ פורעניות אונ ה׳ אויף רחמים איז דר פשט פון דעם פסוק אזו הלא ידעת דו ווייסט דאך אם לא שמעת אויב דו הערסט ניט דעם רבש״ע אלהי עולם יי ווערט איבר גיקערט די גאנצע וועלט פון יי אויף אלהים דאס הייסט פון רחמים צו דין חלילה :

אל תיראי תולעת יעקב וגו׳ אני עזרתיך וגו׳ הקב״ה זאגט דו ווארעם יעקב זאלסט קיין מורא האבן דען איך וועל דיר העלפין דו וועסט צו דרעשין

סגו

און צו שטויסן די גרעסטע בערג און וועסט זיך פרייען מיט גאטס הילף. איהר זייט געגליכן צו ווערים דען אזו וויא די גאנצע גבורה פון ווערים בעשטייט נור מיטן מויל אויך יעדר איינציגער טוט ווייניג אבר פיל צו זאמן קענן דעם גרעסטין בוים און דעם העכסטן בארג צו גריזן אזו אויך איהר אין גלות וואס האבן קיין בית המקדש קיין קרבנות קיין זכות אבות דען זייער זכות איז שוין לאנג אויס גגאנגן בעו"ה בעשטייט ניר די גאנצע הילף זייערע מיטן מויל תפלה צוא טאן דאמיט קענן זייא מבטל זיין אלע גזירות רעות און אויס בעטן א ישועה נור בתנאי אלע זאלן לעבן בשלום און אין אחדות און דאס גאנצע פאלק ישראל זאלן זיך ציען צו איין ציל און בעטן אהויפט זאך היינו מתפלל זיין אויף גלות השכינה און חורבן בית המקדש וואס דאס איז דער עיקר אומגליק אונזערער אז דיא גמרא שרייבט אין תענית אין דעם דור וואס דר בהמ"ק ווערט ניט אויף געבויט איז גלייך ווי ער וואלט אין דעם דור חרוב געווארן נור אבר אז יעדר בעט מער ניט פר זיך ניט כלל זאכן דרום ווירקט מען ניט אזו וויא איין איינציגער ווארים קען גאר ניט ווירקן וויא דר מקונן קלאגט אין איכה מה יתאונן אדם חי גבר על חטאיו דאס טייטש וואס קען טויגן ווען איטליכר קלאגט נור אויף דאס וואס אים אליין פעלט. דער מדרש ברייננגט א משל אויף דעם פסוק אתם נצבים היום כלכם לפני יי וגו' יעדר שטרוי. באזונדר איז שוואך און אז מען דרייט צו נויף פיל צו זאמן ווערן זיי שטארק די מיטלען זאגט אונז דער פסוק אל תיראי תולעת יעקב וגו' אויב איר קינדר ישראל טוט בעטן מיט אייער מויל אלע איין בקשה וויא אפילע ווערים גריזן איין זאך דארפט איר קיין מורא האבן די גרעסטע בערג וועט איר צו שטויסן און וועט זיך פרייען מיט גאטס הילף כלומר די גזירות וועלן בטל ווערן און איר וועט אויס בעטן איין ישועה במהרה בימינו אמן:

## פרשת וירא

וירא אליו יי וגו' והוא יושב גאט האט זיך צו אים באוויזן און ער זיצט. דר מדרש הייבט דא אן דרשנן מיט דעם פסוק ותתן לי מגן ישעך דאס טייטש דו גאט האסט מיר געגעבן דיין הילפס פאנציר דאס זאגט אברהם וימינך תסעדני דיין רעכטע האנט האט מיר געשטיצט אין

קאלך אויבן און אין הונגר און בשעת מלחמה מיט דיא מלכים וענותך תרבני און דיינע גרויסע עניוות האסטו צוא מיר באוויזן דען אברהם איז געזעסן און הקב"ה איז געשטאנען דא שיקט זיך ניט ווארום האט ער עפיש געווארט צו ליגן און זאגן דעם שיר נאך דעם אז הקב"ה האט זיך צוא אים באוויזן און ער האט אים גילאזט זיצן און ער אליין איז געשטאנען און ניט פריער באלד וויא הקב"ה האט אים מציל געווען פון קאלך אויבן און מלחמה. דאס וועט פר ענטפערט ווערן מיט א משל. א גביר האט גיהאט צוויי זין בעת זיי זיינען נאך געווען יונג האט ער זיי געגעבן אלע הצטרכות וויא דער שטייגער איז. וויא זיי זיינען אבר עלטר געווארן האט ער זייא געגעבן א קאפיטאל אין האנד כדי זיי זאלן דר מיט פאר דינען און זיך אליין מפרנס זיין. אז זיי האבן שוין אבר בדארפט חתונה האבן און נאך דעם בויען הייזר און גאר שפעטר שוין אויס געבן קינדר אויך. איז איינעם וואס דר פאטר האט זייער ליב געהאט פלעגט ער אים געבן אויף די אלע זאכן און דעם אנדערן ניט. אמאל האט זיך געמאכט דאס די ביידע ברידר זיינען געקומן אין א באנק לייען געלט האט מען דעם ערשטן געליען און דעם אנדערן ניט האט ער אן געהויבן צו ריידן און זאגט וואס זעהט איר עפיש אויף אים אנדרש וויא אויף מיר. מיר דאכט זיך אז מיר ביידע פירן זיך גלייך. האט מען אים געענטפערט די מעשה איז אזו. דוא ווען דיר מאכט זיך אזעלכע גרויסע הוצאות און דו האסט פון דיין פאטר קיין הילף ניט מסתמא פר צערכטו פון דיין קאפיטאל אבר דיין ברודר האט זיין גאנצן קאפיטאל געוויס נאך אין גאנצן דען אויף אלע גרעסטע הצטרכות גיט דאך אים דר פאטר. דער נמשל איז פר מתן תורה אז מיר זיינען נאך געווען גאר קינדער האט הקב"ה אונז געשפייזט נור מיט אהבה וחסד ווי הושע זאגט כי נער ישראל ואוהבהו בשעת ישראל איז נאך יונג געווען האב איך אים געליבט אבער מתן תורה הייסט דאס ער האט אונז געגעבן

אקאפיטאל דר פון זאלן מיר פאר דינן חיות עולם הזה מיט עולם הבא וויא דר פסוק זאגט אשר יעשה אותם האדם וחי בהם דער מענטש זאל מקיים זיין תורה ומצות דר פון וועט ער לעבן. נור גרויסע נסים ונפלאות וואס הקב"ה טוט מיט אונז איז עס נור פון מדת החסד פון דעם אוצר מתנת חנם כדי מיר זאלן ניט פערצערן אונזר קליינעם קאפיטאל דאס הייסט די ביסל זכיות אונזרע אונ פון די גרויסע נסים איז איין באווייז אז מיר האבן נאך זכיות דאס איז די כוונה פון מדרש ותתן לי מגן ישעך טייטשט ער דעם ווארט מגן פון תרגום לשון אומזיסט וויא עס שטייט דער מאנט אין יענע סדרה דאס הייסט אברהם פרייט זיך פאר פריערדיגע טובות וואס הקב"ה האט מיט אים גיטאן איז ניט אפ גירעכינט גיווארין פון זיינע זכיות והראיה ווייל דו טוסט אזוי אגרויסע זאך היינו דו לאזט מיר זיטצין אונ דו שטייסט מסתמא האב איך נאך פיל זכיות אונ מיין קאפיטאל איז נאך אין גאנצין:

יקח נא מעט מים וגו' עס זאל גינומען ווערין אביסל וואסר אונ וואשט אייערע פיס. דער מדרש שרייבט הקב"ה האט גזאגט צו אברהם דוא האסט גיזאגט יקח נא וגו' דרום וועל איך געבן דיינע קינדר אין דר מדבר איין ברונים וואסער. דו האסט גיזאגט ורחצו רגליכם דרום שטייט ביי זייא אין יחזקאל וארחצך במים. דוא האסט גיזאגט לעהענט אייך אונטערן בוים דרום וועל איך געבן דיינע קינדר איין עמוד ענן אויך נאך פיל פרטים וואס דער מדרש רעכינט אוים. דאס גלייכן רעכינט דר מדרש ביי די עקידה דעם זכות פון זיין זאטלן דעם אייזל איז זייא ביי גישטאנען אנטקעגן פלעמס זאטלן. פר דעם זכות פון זיין האלץ שפאלטן איז דער ים צו שפאלטן גיווארן. דא פרעגן די מפרשים פיל קשיות. ערשטן יעדרע איין דאך נור איין מצוה. הכנסת אורחים אדער עקידת יצחק טוא ווארום ווערן זיי צו טיילט אין כמה מצות. צווייטינס אברהם האט דאך מקיים גיוועז כל התורה כולה טוא פר וואש איז דא פון די צוויי מצות האבן די ישראל גינאסן שכר עס וועט אבר ווערן פר ענטפערט מיט אמשל. די זאך וואס ווערט גימאכט פון פיל טיילן איז בעת מאכן האט דאס עטליכע נעמן אונ ווי עס ווערט שוין פארטיג בקומט עס נור איין איינציגן נאמן. למשל מען זאגט ער מויערט דעם פונדאמענט די ווענט פענסטער לסוף רופט מען דאס אשטוב. גם איז ידוע דאס איטליכער בעל פרנסה היינו אבעקער וכדומה לייגט ער אפ דיא שענסטע גיבעקס צום פר קויפן אונ בראקאוונע פר ניצט ער פר זיך. דאש גלייכן דא אלע מצות האט אברהם אבינו מקיים גיוועזן גאר אין גאנצן בתכלית השלימות על כן פאר אזעלכע מצות צאלט מען קיין שכר ניט אויף דר וועלט אז די גמרא זאגט שכר מצוה בהאי עלמא ליכא אויסער די צוויא מצות הכנסת אורחים אונ עקידת יצחק וואס דר מיט האט אים נור הקב"ה גיפרובט זעהן וויא וייט ער איז אין עבודת השם. אונ וויא הקב"ה האט גזעהן דר פון זיין אמתע מחשבה צוא אים דרום האט ער גלייך גיזאגט אל תשלח ידך אל הנער הייסט עס דאס די מצוה איז אין מיטן גיבליבן. דאס גלייכן ביי הכנסת אורחים האבן אויך די מלאכים אין אמתן ניט גיגעסין דרום רעכינט זיך יעדר חלק פון דר מצוה פר אבאזונדער זאך וויא די שטוב בשעת בויען אונ ווייל זיי זיינען ניט אין גאנצן גיטאן גווארן וואר צו אים דער שכר פון זיי צו טיילט פאר זיינע קינדר אויף דער וועלט וויא דר בעקער די גיבעקס וועלכע זיינען בראקאוונע גיט ער דאס צוא דאס הויז גיזינד אונ ווייל ער האט דאך באמת די צוויי מצות גימיינט צו טאן בשלימות דרום האט ער דאפיר לעולם הבא באזונדר שכר וויא די גמרא זאגט אין קדושין ווען מען מיינט צו טאן אמצוה וויא גיהעריג איז נאר מחמת איין סבה האט מען ניט גיקענט טאן איז גירעכינט וויא מען וואלט יוא גיטאן:

ויי' אמר המכסה וגו' כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך יי' דאס איז טייטש

הקב"ה האט גיזאגט זאל איך דען ניט זאגן צו אברהם וואס איך טוא צו סדום דען איך ווייס ווייל ער וועט באפעלין זיינע קינדער וועלן זיי היטן גאטס וועג. אלע פרעגן דער ווארט למען איז איבעריג גם ווארום שטייט ושמרו זיי וועלן היטן אונ ניט וישמרו זיי זאלין היטן ווי צוה. כדי די דקדוקים צו פר ענטפערן וועלן מיר פרעגין נאך אקשיא היינו ווארום האט אברהם ניט גימוסרט די לייט פון סדום מקיים צו זיין די מצוה הוכח תוכיח. נאר ווייל די גמרא זאגט אין יבמות וויא עס איז אמצוה צו זאגן מוסר דעם וואס פאלגט אזו איז פר קערט אמצוה מען זאל ניט מוסרן איין לין וואס וועט ניט פאלגן וויא שלמה המלך ע"ה זאגט אין משלי אל תוכח וגו' זאג ניט קיין תוכחה דעם לין ווייל ער וועט בוודאי ליצנות מאכן פון מוכיח דורך דעם וועט דר ערליכר מענטש שוין אויך אים ניט הערין. דאס זאגט הקב"ה המכסה וגו' זאל איך דען מיין צדיק ניט אויס זאגן אויב איר וועט פרעגן ווען ער איז יוא אזו אצדיק טוא ווארום האט ער זיי ניט גישטראפט כי ידעתיו למען אשר וגו' ושמרו וגו' איך ווייס דרום שטראפט ער זיי ניט כדי אז ער וועט באפעלן זיינע קינדר וועלן זיי אים פאלגן אונ היטן גאטס וועג כלומר אבר ווען ער וועט שטראפין דיא לייט פון סדום אונ גיוויס וועלן זיי אים ניט פאלגן דאמאלס אויף זייא קוקינדיג וועלין זיינע קינדער אים אויך ניט הארכין:

ויאמר יי' זעקת סדום ועמרה כי רבה וחטאתם כי כבדה מאד גאט האט גיזאגט די גישרייא פון סדום ועמורה אז זיא איז גרויש אונ זייער זינד אז זיא איז זייער שווער. די מפרשים פרעגין ווארום שטייט צווייא מאל כי נאר די מעשה איז אזו דער נאטור פון איין ערליכן מאן איז ווען מען זעצט אים אן לארעמט ער זייער אבר איינר וועלכר ער אליין האט שוין אמאל איבער גיפירט פרעמדע געלט שרייט ניט אזו שטארק אונ ווען ער שרייט שוין מסתמא האט מען אים ברויבט אוננאטירליך.

דר שכל דר פון איז אזו דר ערשטר ווייל ער ווייס פון קיין עולה ניט זעט דאס ביי אים אויס זייער ווילד. דר צווייטר אבר וואס ביי אים איז רעכט גיוועזן יענעם ניט צו באצאלן דרום וועט ביי אים רעכט אז מען באצאלט אים ניט דאס זאגט דר פסוק זעקת וגו' כי רבה ווען אין סדום וואס זיינן דורך אויס גזלנים הערט זיך דאך גרויסע גיוואלדין וחטאתם וגו' מסתמא איז זייער זינד זייער שווער:

ואנכי עפר ואפר דר מדרש שרייבט הקב"ה האט גיזאגט צו אברהם דער פאר וואס דו זאגסט אויף זיך עפר ואפר וועל איך דר פר געבן דיינע קינדר צוויי מצות אפר פרה די אש פון פרה אדומה אונ עפר סוטה דאס איז דיא שטויב וואס מען פאר ברויכט צו די וואסר וועלכע מען גיט טרינקן די אשה וואס האט זיך פר בארגן מיט אפרעמדן מאן. וויא אזו דאס קומט אויס ריכטיג מדה כנגד מדה פר שטייט מען דאס מיט אמשל. איינר האט פר בעטן אויף אשמחה דיא אלע נכבדים פון שטאט דארונטר האט זיך גיפונן אגרויסער עני אונ האט זיך גיזעצט ביין טיר האט דר בעל שמחה גיבעטן אלע חשובים זאלן זיך זעצן לעבין אים דאמיט איז שוין ביין טיר גיווארן דער אויבן אן. דער נמשל איז דער גרויסר עניו אברהם האט זיך גיגליכן צו די נידעריגסטע זאכין שטויב אש דרום האט הקב"ה גיהייסן זיי פאר ברויכין צו וויכטיגע מצות דר מיט זיינן זיי גיהויבן גיווארן ממילא איז שוין מער קיין בזיון ניט פאר אים דאס ער האט זיך גיגליכן צו זייא:

יען אשר עשית וגו' כי ברך אברכך וגו' ווייל דוא האסט גיפירט דיין זון יצחק צו דער עקידה וועל איך דיר בענטשין. דער מדרש שרייבט ער האט אים גיפירט מיט שמחה וויא צו דר חופה איז דאך קשה ווען אברהם האט קיין צער פון דיא עקידה ניט גיהאט אונ אדרבה שמחה טוא ווארום קומט אים דר פאר שכר בפרט אז דר תנא זאגט אין אבות לפום צערא אגרא נאך דעם צער נאך גיט מען דעם שכר.

עֶס וֶועט אָבֶּר רֶעכְט וֶוערְן מִיט אַמָשָׁל. אַיין שַׂר אִיז גִיפָאָרְן זוּכְן אַפָּקִיד וֶועלְכֶר זָאל קֶענֶען פַר פִירְן אִין אַלֶע זַיינֶע גִיטֶר אַפְּלָאד פוּן אַלֶע מִינֵי גִיוואוּקְס אוֹיךְ בְּהֵמוֹת עוֹפוֹת וּכְדוֹמֶה בִּבְדֵי עֶר זָאל הָאבְּן פוּן אַלְן דִינְג אֵייגִינֶע. פָאָרִינְדִיג אִיז עֶר אַרַיין צוּא אַיין לַאנְד מַאן פוּן זַיינֶע אַרְבֶּעטֶר אוּנ בַּאשְׁטֶעלְט דָאס עֶר זָאל פַר אִים מַאכְן אַמָאלְצַייט פוּן אַלֶע מִינֵי מַאֲכָלִים וּמַשְׁקָאוֹת אוּנ אַזוֹ אִיז גִיוֶוען. נָאךְ דֶעם עֶסְן הָאט דֶר בַּעל הַבַּיִת דֶר לַאנְגְט דֶעם רֶעכֶענוּנְג וָואס עֶס קָאסְט אִים אַלֵיין קוֹיפֶּנְדִיג דֶר שַׂר הָאט בַּאצָאלְט אוּנ אַרַיין גִיפָאָרְן צוּא אַיין אַנְדֶערְן וִוידֶער גִיהֵייסְן דִי זֶעלְבֶּע דֶער הָאט שׁוֹין גִימַאכְט מִיט נָאךְ מֶער פַארַאד. נָאכְן מָאלְצַייט פְרֶעגְט עֶר פִיל קוֹמְט עֶנְטְפֶערְט דֶר בּוֹיעֶר אֲדוֹנִי הַשַׂר גִיט מִיר קוֹמְט אוּנ נִיט אִיךְ וַוייס אַמֶקַח אוּנ וָואס נוּר מֶען הָאט דֶר לַאנְגְט צוּם טִישׁ אִיז אַלְץ אֵייגֶענֶע וָואס אִיךְ אַלֵיין הָאבּ גִיזֵייט גִיפְלַאנְצְט אָדֶער אוֹיס גִיהָאדֶעוֶועט. זָאגְט דֶר שַׂר אוֹיבּ אַזוֹ פְרֵייט מִיר זֵייעֶר דָאס דוּ פַר שְׁטֵייסְט אַזוֹ גוּט דִיא ווירְטְשַׁאפְט צוּ פִירְן אוּנ דְרוּם וֶועל אִיךְ דִיר גְלִיקְלִיךְ מַאכְן אוּנ נֶעמֶן פַר אַבַּעל הַבַּיִת אוֹיף אַלֶע הוֹיפְן מַיינֶע אוּנ פַר דֶעם מִיטָאג גִיבּ אִיךְ דִיר לְכָל הַפָּחוֹת פִיל אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם גִיגֶעבְן. דֶר נִמְשָׁל אִיז עֶס אִיז דָא אַחָסִיד גָמוּר וָואס הָאט אֵייגִינֶע מִדוֹת טוֹבוֹת פוּן זַיין גִיבָּארִין אָן אוּנ וִוידֶר אִיז אַיין גִבּוֹר הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ דָאס הֵייסְט דֶער וֶועלְכֶער פוּן נַאטוּר אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט נוּר עֶר מַאטֶערְט זִיךְ בִּיז עֶר אִיז גוֹבֵר זַיין יֵצֶר הָרַע אֵייגִינְטְלִיךְ דֶעם כּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ וָואס יֶעדֶר מִצְוָה קָאסְט אִים גִינוּג צַעַר אוּנ גִיזוּנְד קוּמְט אִים מֶער שָׂכָר נָאךְ זַיין צַעַר נָאךְ אָבֶּר דֶר חָסִיד גָמוּר אִים קַיין מִיהֶע קָאסְט נִיט וָוארוּם אִים וִוילְט זִיךְ גָאר טָאן אַמִצְוָה אַזוֹ וִויא אַבְרָהָם אָבִינוּ פַר וָואס קוּמְט אִים אַזוֹ אַשְׂכַר וִויא עֶס אִיז שׁוֹין דָאס גִירֶעט אִין שְׁמוֹנָה פְּרָקִים להרמב״ם. דִי זַאךְ אִיז אָבֶּער אַזוֹ דָאס דֶער חָסִיד גָמוּר הָאטְשֶׁע אַמִצְוָה קָאסְט אִים נִיט קַיין גִיזוּנְד עֶר טוּט אִיר אָבֶּר בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה אָן אַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶע מַחֲשָׁבָה אוּנ הקב״ה הָאט פוּן אִיר גְרוֹיס נַחַת רוּחַ אָבֶּר דֶער כּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ קֶען דָאס גָאר נִיט בֶּעוַוייזְן דְרוּם אִיז עֶר מֶער גִילִיבְּט בַּיי הקב״ה אוּנ בֶּעקוּמְט שָׂכָר לְכָל הַפָּחוֹת פִיל עֶר ווִיל וִויא דֶער מָשָׁל אִיז פוּן שַׂר מִיט דֶעם קְנֶעכְט:

# הפטרת וירא

הַגִּידִי לִי מַה יֶּשׁ לָךְ בַּבָּיִת וַתֹּאמֶר אֵין לְשִׁפְחָתְךָ כֹל בַּבַּיִת כִּי אִם אָסוּךְ שָׁמֶן וגו׳ דָאס טַייטְשׁ אֱלִישָׁע הַנָּבִיא הָאט גִיפְרֶעגְט דִי אִשָּׁה וֶועלְכֶע זִיא הָאט זִיךְ גִיקְלָאגְט פַאר אִים וָואס הָאסְטוּ אִין שְׁטוּבּ עֶנְטְפֶערְט זִיא דַיין דִינְסְט הָאט קַיין זַאךְ אִין שְׁטוּבּ נַייעֶרְט אַקְרִיגְל אֵייל הָאט עֶר אִיר גִיהֵייסְן צוּ זַאמֶען לַייעֶן גִינוּג כֵּלִים אוּנ מִיט דִי בִּיסִיל אֵייל הָאט זִיא פִיל גִימַאכְט אַלֶע כֵּלִים. דִיא מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן דֶר וָוארְט בַּבַּיִת (אִין שְׁטוּבּ) אִיז אִיבֶּערִיג הֵן אִין דִיא שְׁאֵלָה זַיינֶע הֵן אִין אִיר תְּשׁוּבָה. דֶער תֵּירוּץ אִיז אַזוֹ אִין דֶער וֶועלְט גִיפִינֶען זִיךְ צְוַויא עֶרְלֵייא בְּרוּאִים בְּהֵמוֹת אוֹיךְ ווִילְדֶע חַיוֹת דִיא בְּהֵמוֹת לֶעבְּן נוּר פוּן הוֹילֶע עֶרְלִיכְקַייטְן אוּנ פוּן מַזָל בְּרָכָה דָאס הֵייסְט פוּן דִי אוֹיף גִיוַואקְסֶענֶע תְּבוּאָה פִיטֶערְט מֶען זֵייא וַוייל מֶען הָאט פוּן זֵיי אַנוּטְץ דַאגֶעגְן חַיוֹת אָבֶּר אִיז זֵייעֶר פַּרְנָסָה פוּן רְצִיחָה אוּנ יֶענֶעמְס אוּנְגְלִיק דְהַיְינוּ דֶר וָואס אִיז שְׁטַארְקֶר אוּנ מֶער קְלִיגֶער צוּ רַייסְט אוּנ עֶסְט אוֹיף דֶעם שְׁוַואכְן אוּנ אַיין פַאכְן דָאס גְלַייכְן אַמֶענְטְשׁ וַוייל עֶר אִיז אַעוֹלָם קָטָן כְּלוֹמַר אִין אִים גִיפִינְט זִיךְ כֹּחוֹת אוּנ מִדוֹת פוּן אַלֶע בְּרוּאִים אוּנ אִיז אַבַּעל בְּחִירָה אִיז מִיט אִים אַזוֹ אוֹיבּ עֶר ווִיל קֶען עֶר דוּרְךְ לֶעבְּן זַיין וֶועלְט עֶרְלִיךְ אוּנ פוּן בְּרָכוֹת דָאס אִיז גִימֵיינְט וֶוען עֶר בֶּעשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ מִיט עֶרְד אַרְבַּייטִין אָדֶר מִיט נָאר אַמְלָאכָה דַאן וֶוערְט עֶר גִשְׁפַּייזְט עֶרְלִיךְ פוּן תְּבוּאָה אָדֶר פוּן דָאס וָואס דִי וֶועלְט הָאט פַּרְנָסָה אוּנ דְרוּם קֶען דַארִין אַרַיין אַמַזָל בְּרָכָה דָאס פוּן וַוייִניג קָאן פִיל וֶוערִין וַוייל דָאס אִיז אֵייגֶענֶע פַר דִינְטֶע אָבֶּר דֶעם וָואס גִיפֶעלְט בֶּעסֶר צוּ לֶעבְּן פוּן פּוּסְטֶע שְׁווִינְדְלֶען גְזֵילָה אוּנ רַמָאוֹת אוּנ זַיינֶע גַאנְצֶע חִיוּנֶע צִיהֶעט עֶר נוּר פוּן דֶעם צְוַוייטִינְס אוּנְגְלִיק אוּנ פוּן דָאס וָואס זַיין חָבֵר לַיידֶעט יִסוּרִים הֵייסְט דָאס עֶר לֶעבְּט פוּן קְלָלוֹת אוּנ אִין אַזוֹ אַיין עֵסֶק שִׁיקְט שׁוֹין

הקב"ה קיין מזל ברכה ניט אריין און דאס וואס אונז נארעשע מענטשן דוכט זיך יענער איז איין מצליח טוהן מיר אידן מאמין זיין באמונה שלמה אז דאס איז פאר קערט זיין גרעסטער אונגליק וויא שלמה המלך ע"ה זאגט אין קהלת יש רעה חולה ראיתי תחת השמש עושר שמור לבעליו לרעתו ואבד העושר ההוא בענין רע דאס הייסט אזו ארייכטהום פירט לסוף אריין אין ביטערע צרות אויך שרייבט דר חכם אין קהלת כי גם לא ידע האדם את עתו כדגים שנאחזים במצודה רעה וגו' דאס איז גימיינט אזו וויא פיש אדער פייגליך נארט מען אריין אין נעטץ מיט ווערימלאך און קערנר אזו אויך ווערן אמאל מענטשן פלוצלינג גישטרויכילט גראד דורך די סבה פון זייערע רייכקייט אין משלי שטייט ברכת יי היא תעשיר ולא יוסיף עצב עמה דאס איז טייטש אמת טאקע די ברכה פון הקב"ה מאכט רייך אבער דווקא אין אזו אגישעפט וואס קיינעם קומט דער פון ניט ארויס קיין שום טרויער און קיין רעה און דאס מיינט אויך דוד המלך ע"ה מיט דעם פסוק אין תהלים יען אשר לא זכר עשות חסד וירדוף איש עני וגו' ויאהב קללה ותבואהו ולא חפץ בברכה ותרחק ממנו ווייל ער דער מאנט זיך ניט צוא טאן חסד און יאגט נאך דעם ארימאן ביז אין טויט אריין הייסט דאס ער ליבט נאר צו לעבן פון קללות און קיין ברכות וויל ער ניט דרום וועט די קללה קומען צו אים און די ברכה וועט ווייט זיין פון אים. דר רבינו יוסף אלבו שרייבט אין ספר עקרים אויף דאס וואס שטייט גישריבן אין פרק שירה דאס די מוראשקע זאגט שירה פאר הקב"ה דעם פסוק נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו דאס איז דר טייטש ער שפייזט אלע בשעפענס דען זיין חסד איז אויף אייביג דאס איז אמוסר יעדערער זאל זיך מיהן צו פר דינן ערליך און ניט זיך סומך זיין אויף אנס און דר צו האבן בטחון אז גאט ב"ה קען צו שיקן גרינגערע און בעסערע חיות אויף דעם כשרין אופן איידר פון עולות אז דער נאטור פון דיא מוראשקע אז זיא גיפינט אקערינדיל שמעקט זיא אים פריער גוט ארום און וויא זיא פילט דאס איין אנדער מוראשקע האט אים שוין בארירט רירט זיא זיך שוין אן אים ניט אן און דאך פעלט איר קיין מאל קיין חיונע ניט וויא דער פסוק זאגט אין משלי לך אל נמלה עצל וגו' דו פוילער לערן זיך פון די מוראשקע וואס אום זומר גרייט זיך יעדערע אן אירע שפייז אויך שרייבט דיא גמרא אין עירובין אחוץ דיא תורה קען מען זיך אפ לערנן פון אמוראשקע ניט צוא גזלען היוצא מזה דאס ברכה און הצלחה קען נאר זיין אין ערליכין אופן דרום האט דער נביא אלישע גיפרעגט מיט דעם לשון מה יש לך בבית וואס האסטו אין שטוב כלומר כשרע פאר דינטע דען בית הייסט איין איינגנטהום כדי עס זאל חל זיין מיין ברכה האט דיא אשה רעכט גיענטפערט דיין דינסט האט נור איין קריגל אייל אין שטוב און דרום אין דיא ביסעלע איז אריין זיין ברכה ביז עס זיינען פול גיווארן די אלע כלים וועלכע זיא האט צו זאמן גיליען:

כי תמצא איש לא תברכנו וגו' אלישע הנביא האט אן גיזאגט זיין משרת גחזי בשעת ער האט אים גישיקט לעבעדיג מאכן דעם זון פון דער שונמית ער זאל מיט קיינעם ניט ריידן דר טעם דער פון ערקלערט זיך מיט אמשל. איינער האט גהאט אטייערן בן יחיד וואס ער האט אים גהיט וויא זיין אויג אמאל האט ער בדארפט אוועק פארין האט ער אן גיזאגט זיין משרת אזו דוא זאלסט וויסן זיין איך לאז דיר איבער מיין זון צו דער האנט היט אים וויא איך אליין צו עסן צוא טרינקן זאלסטו אים געבן מיט דיין אייגענע האנט דער משרת האט אלץ גיטאן וויא ער האט אים גיהייסן אז דר בעל הבית איז גיקומן צוריק האט זיך דאס קינד גקלאגט פר דעם פאטר אויף דעם משרת דאס ער האט ניט מקיים גיווען זיין בפעל און האט אים ניט גיקארמעט מיטן אייגין האנד נאר מיט אלעפל און אטרונק נאר מיט אגלאז האט דער פאטר אן גיהויבן צו לאכן און זאגט מיין קינד דאס הייסט ניט דורך אנאנדערין נור ער אליין דען די לעפיל און די גלאז זיינען מער ניט כלים וועלכע מען מוז אליין האלטן בשעת מען עסט. דער נמשל איז דאס די גמרא זאגט אין תענית דער שליסיל פון תחית המתים גיט הקב"ה ניט איבער צו אשליח אין דאנט פרעגט תוספות אקשיא אלישען האט ער דאך יוא איבר גיגעבן. נאר די מעשה איז וויא די קדמונים שרייבן דאס וואס אצדיק פועלט מיט זיין תפלה עס זאל גישעהן אנס למעלה מהטבע איז דאס גירעכינט וויא גאט ב"ה טוט מיט זיין אייגענע האנט כביכול און ניט דורך אשליח דרום האט דר נביא גיהייסן גחזי זאל שטיל שווייגן כדי עס זאל גליך זיין וויא אלישע טוט דאס און ער

יאל

זאל נאר גירעכינט זיין וויא אהאלץ אונ אכלי צו דעם ענין צום ביי שפיל וויא דר שטעקן וואס ער האט אים מיט גיגעבן אונ ניט אשליח אבר גחזי האט עובר גיוועזן אונ האט פארט גירעט דער מיט איז ער שוין גיווארין גירעכינט וויא אמענטש אשליח אונ ווייל ער איז קיין צדיק גיוועזן דרום איז דאס קינד ניט לעבעדיג גיווארין דורך אים ווארום תחית המתים קען דורך איין שליח ניט גישעהען וויא די גמרא שרייבט ביז וואנען אלישע איז אליין גיקומן אונ האט דאס קינד לעבעדיג גימאכט:

## פרשת חיי שרה

גר ותושב אנכי עמכם תנו לי אחזת קבר דר מדרש שרייבט אברהם האט אזו גיזאגט אויב איר וועט מיר געבן אמקום קבורה רעכן איך זיך נור פאר אגר ווען ניט ווער איך דא אתושב אגאנצער בעל הבית דען הקב"ה האט דאך צוא מיר גיזאגט לזרעך נתתי את הארץ הזאת דאס טייטש דיינע קינדר האב איך גגעבן די לאנד כנען. וויא אזו דורך זייער ניט געבן ווערט ער אתושב פר שטייט מען מיט אמשל איינער אגביר האט אוועק גישיינקט זיינעם אפריינד אטייערן הויף אונ ער אליין איז ארויש גפארן אין אנאנדר שטאט אין כמה יאר ארום האט זיך גימאכט דאס ער איז גיקומען צוריק אונ אריין גיפארן צו יענעם אין זיין הויף עס איז אוועק עטליכע וואכין איז יענעם גיווארין זוייער אויפין הארצין אונ פרעגט אים ווען ועסטו אפ פארין ענטפערט דר גאסט דוא ווייסט ביי מיר איז גיבליבן אז מיינע עטליכע יארן זאל איך שוין דא פר בריינגן מיין לעבן ביי דיר אין אקליינע שטיביל רופט זיך יענר אפ מיט כעס דוא האסט דאך מיר ארויס גיגעבן כתוב וחתום אז דר הויף איז מיינר לחלוטין טוא וואס האסטו דא ביי מיר וואס צו מאכן גייא זיך דיר זאגט דר אלטער זיי ניט קיין חצוף אז ניט וועסטו בלייבן אנאר אונ איך דר בעל הבית אונ אויב דו גלויבסט מיר ניט קום צו בית דין וויא ער האט דאס דר הערט תאפט ער דעם פאפיר אונ גייט מיט אים וויא די דיינים האבין אן גיהייבין לייענן דעם שטר מתנה רופין זיי זיך אפ צו דעם אלטן מיר קענן דיר גאר נישט העלפין איין מאל האסטו אים אוועק גיגעבן איז פר פאלן יענר וויא ער האט דאס דר הערט איז ער גיווארן מלא שמחה אונ דר אלטער זאגט זיך קאלט בליטיג לייענט אקארשט ווייטר מיט אמאל זיי טוען אגישרייא צום פרייליכן דו עזות פנים טראג זיך שוין די מינוט ארויס פון זיין הויף דען עס שטייט איין גישריבין אפונקט באופן אז דוא זאלסט ניט זיין קיין עזות פנים אונ איצט אז ער האט דיר אוועק גישיינקט אזו אהויף אונ דו ווילסט אים ניט געבין אפילו אקליינעם וואוינונג אויף דייער עלטער טוא וואס דארף מען מער עזות פנים ווי דו ביסט. דר נמשל איז אין פרשה לך לך פר דעם פסוק לזרעך נתתי וגו' שטייט ודור רביעי וגו' דאס טייטש ווייל עס איז נאך ניט פול דעם מאס זינד פון דעם אמורי דרום וועלין אידין מוזן ווארטין נאך פיר דורות ביז זייא וועלן אריין אין כנען אט דאס זאגט ער דיא לאנד איז דאך איגינטליך מיינע נאר עס איז נאך ניט פאר פול אייער מאס זינד אבר ווען איר וועט זיין אזעלכע עזות פנימר אונ זינדיגר דאס איר וועט מיר ניט געבין אפילו איין שטיקל ערד אויף אמקום קבורה וועט מיט דעם גרויסן זינד אליין פול ווערן די מאס אונ דער מיט וועל איך שוין ווערין דא אתושב אונ אבעל הבית:

שמענו אדני נשיא אלהים אתה בתוכנו וגו' דאס טייטש הער אונז צוא האר איין געטליכער נשיא ביסטו צווישין אונז אין בעסטין קבר קענסטו באגראבין דיין טויטן. דער מדרש שרייבט די בני חת האבן גיזאגט צו אברהם דו ביסט אונזר מלך אונ אונזר גאט. כדי צו פאר שטיין דיא כוונה פון מדרש וועלין מיר פריער רעכט מאכין צווייא הארבע פסוקים מיט אמשל דער נביא זאגט אויף נבוכדנצר הרשע שבעת קלון מכבוד פון דיין כבוד ביסטו זאט גיווארין מיט שאנד אויך זאגט שלמה

המלך אין משלי כבוד חכמים ינחלו וגו' דאס טייטש דער כבוד וואס חכמים האבין איז אגאנצע נחלה אבר ביא נארן מאכט ער אן אדרבה שאנדע. שיקט זיך ניט ווי אזו ווערט בזיון דורך כבוד ווערט דאס רעכט מיט אמשל. אין אשטאט זיינן גיוועזן צוויי בעלי בתים וועלכע מען פלעגט זייא געבין אלע גרעסטע כבודים סיי פון היילגע זאכן היינו די בעסטע שטאט אין שול אונ די טייערסטע עליות אונ סיי אין שטאט זאכן. אייגר פון זיי איז גיוועזן אגרויסער נדבן אונ אבעל מדות טובות אונ דר אנדערער אגזלן אונ אקריגר ער האט גיבויט אונ גיגזלט אונ אלע האבין פר אים גיציטערט דרום האט מען אים גיחנפת מיט כבוד. נאכן טויט האט איינער גילאזן אזון אונ דער אנדערר אטאכטר. ויהי היום האט דעם גזלנס ווייב גשיקט צום נדבנס ווייב אשדכן מיט די ווערטר אזו ווי אונזרע ביידנס מאנען זיינען גיוועזן די גרעסטע נכבדים אונ חשובים אין שטאט דרום פאסט דאס מיר זאלן ווערן מחותנסטעס צווישן אנאנד. האט זיא אים אויס גילאכט אונ זאגט שוטה וואס מער כבוד ער האט גיהאט דארף איך אלין מער ניט וועלן טאן מיט זיין זון ווייל דאס איז אבעוויז וואס פר אגרויסר גזלן ער איז גיוועזן. פר קערט אבר מיין מאן פון זיין גרויסן כבוד קען מען פר שטיין וויא גרויס ער איז גיוועזן דרום קען זיך מיין טאכטר טאקע ניט מתחתן זיין מיט אים. דאס מיינט דר נביא פון דיין גרויסן כבוד איז איין בעוויז וויא ווייט מען האט זיך גישראקן פר דיינע אכזריות דרום פון אזו איין כבוד ווערסטו זאט מיט שאנד. דיא זעלביגע זאגט אויך שלמה המלך כבוד דער כבוד פון חכמים איז איין נחלה דאס הייסט דער יחוס בלייבט אירושה פר זיינע קינדר אפילו אבער ביי די רשעים די נארין בייט זיך אויס דער כבוד אויף שאנדע וויא דר כבוד פון דעם גזלן. דאמיט לאזט זיך שוין לייכט פר שטיין אונזר מדרש דיא בני חת האבין גיזאגט צו אברהם דו ביסט אונזער מלך דרום קענסטו זיך נעמן דעם בעסטן ארט וויא דער פסוק זאגט אין שמואל א' אבר ניט חלילה ווייל מיר האבן מורא פר דיר גיבן מיר דיר אפ אזו אכבוד ניין נשיא אלהים אתה בתוכנו מיר גיבן דיר כבוד ווייל דו ביסט אגעטליכר מאן אפרומער אונ אגוטער:

ויקח העבד וגו' ויברך הגמלים מחוץ לעיר אל באר המים לעת ערב לעת צאת השואבות דאס טייטש אליעזר האט גמאכט קניען די קעמלן אונטערן שטאט ביי אברונים וואסר פר נאכט ווען די וואסער טרעגערקעס גייען אהין ארויס. אין מדרש שטייט רב הונא זאגט בשעת איינער גייט נעמען אווייב אונ הערט הינט בילין הארכט ער זיך איין וואס זיי זאגן. דעם מדרש פליאה פר שטייט מען מיט אמשל איין סוחר חשוב וואס פלעגט אלע מאל איין שטיין אין איינע פון די שענסטע אכסניות איז ער איין מאל אריין גיפארן דארטן אין שטאט אין די ערגסטע אכסניא דעם ערשטן בעל אכסניא האט פר דראסן ניט אזו דעם פר דינסט וויא דעם בזיון זאגט דר אורח איר זאלט וויסן אז מיין אויס מיידן אייך דעם מאל איז פר אייך די גרעסטע עהרע ווארום איך בין ניט גיקומען מאכין גישעפטן נאר אשידוך טאן אונ וויא איך קען אייך דאס גלייכן אלע אורחים אייערע פאר ארינטליכע לייט גיווים ווערט איר ריידין אויף די כלה וואס צום בעסטן אבר דא וויא דר בעל הבית אזו אויך די אורחים זיינן אלע פאר דארבנע לייטן פארריידר רכילות טרייבר אויב נור עס איז עפעס דא אויף איר וואס צו ריידן וועל איך בוודאי ביי זיי אלין דר גיין. דער מיט איז שוין רעכט. דעם מדרש איז קשה אויף אזו אריכין אורח וויא אליעזר ווארום האט ער זיך אפ גישטעלט גראד ביי אברונים אונ ניט בעסער אריין גיפארין אין אגרויס ארטיגע אכסניא דרום זאגט רב הונא בשעה כו' ווען איינר פארט אשידוך טאן הערט ער צו אלע בילעדיגע הינט כלומר פריידערס אונ ווייל פר נאכט קומן צו זאמן ביי אברונים אזעלכע לייטן היינו דינסט מיידלך פאסטוכר

אמתין נאר יונג. אין ירושלמי שטייט אז ר' בון איז געשטארבין האט מען אויף אים נאך געזאגט דעם שבח ער האט געהארעוועט אונ אויף געטאן אין דיא אכט אונ צוואנציג יאר זיינע מער פאר איין זיבעציג יאריגן מאן אז דר פסוק זאגט אין תהלים נער הייתי גם זקנתי דאס הייסט אין מיין יוגינט בין איך אלט געווארן אבער ווען מען פאר ברייננגט די יארן אין דברים בטלים אונ הבלים ווערט מען אן גערופין אייף דער עלטר אויך מער ניט אז אאינגל דאס איז די כוונה פון פסוק והמלך דוד דער קיניג דוד ע"ה ווייל ער איז געווען איין רעכטר צדיק אונ האט צו נויף געזאמלט יונגער הייט פיל מעשים טובים דרום זקן איז ער פריער געווארן אלט אונ נאך דעם בא בימים איז ער גקומן אין טעג היינו איידר ער האט באקומן טעג מיט יארן האט ער שוין באקומן דעם נאמן זקן איבר זיינע פיל תורה אונ מעשים טובים:

## פרשת תולדות

**ואלה** תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק

דאס איז דיא געבורט פון יצחק דער זון פון אברהם אברהם האט געבארן דעם יצחק. דא איז קשה. ווען עס שטייט אז יצחק איז געווען דר זון פון אברהם ווייס מען דאך דאס אברהם האט געבארין יצחק צו וואס שטייט ווידער דאס אברהם האט געבארין דעם יצחק דער מדרש שרייבט אויף דעם האבות עטרה לבנים די עלטערן זיינן אקרוין פר קינדר אונ קינדר פר עלטערן. כדי צו פאר שטיין דעם פסוק אונ דעם מדרש וועלן מיר פריער ערקלערן וואס די גמרא זאגט אין נדרים דאס די סבה וואס תלמידי חכמים האבן אמאל פראסטע קינדר ווייל זיי זאגן ניט קיין ברכת התורה דאס קען מען ערקלערין מיט אמעשה. אין אגעוויסע שטאט האט מען געהאלטין פון פוצעריי אונ אלע מאדעם אזו ווייט דאס עס איז ניט געווען צו דר קענן פון ארעם ביז רייך. אמאל האט דארטן באדארפט דורך פארן דער פאריזער מאדעלניק (וואס ער טראכט אויס אלע מאדעם) זיינן אטייל שטאט לייט ארויס אים אנטקעגין מיט פאראדנע מוזיק אבער דיא גרעסטע טייל מיט קאטצין מוזיק (אזו אמין בזיון) דאס איז שוין געווען אקלארע פראבע צו דער קענן ווער עס איז באמת אגביר אונ ליבט טאקע דעם פוץ אונ ווער עס וויל אים ניט אדר ער קען גאר ניט נאר צו ליב נאמנות אדר ער זאל ניט אויס זעהן ווי אבזוי אנטקעגן די איבעריגע לייטן מוז ער דאס נאך טאן. דר נמשל איז עס איז דא צווייא ערלייא מדרגות צדיקים איינר אצדיק גמור אין עבודת השם מאהבה אזעלכר דאנקט אונ לויבט געוויס צו הקב"ה פר וואס ער האט אונז געגעבן אתורה ומצות אונ דרום זיינע קינדער זיינען געוויס צדיקים אזו וויא די נאטור גיט דאס אקלארר מענטש געבירט קלארע קינדר ווידר איז דא אצדיק אבר איין עובד השם מיראה דאס זיין נאטור איז נוטה אדרבה צוא שלעכטס נאר ווייל ער האט מורא פר איין עונש ברעכט ער דעם יצר הרע אונ טוט מצות אונ מעשים טובים אזעלכר דאנקט געוויס ניט צו השי"ת פר די תורה ומצות אזו ווי דר וואס היט אלע מאדם מחמת נויט לויבט ניט דעם מאדעלניק דען ווען ניט די תורה וואלט ער דאך געווען אפרייער מענטש אונ וואלט פר שפארט צו טאן מצות ומעשים טובים. דאס מיינט די גמרא זייא זאגן ניט קיין ברכות התורה דאס הייסט זיי דאנקן ניט פר דר תורה אונ זייערע קינדר זיינן ניט קיין תלמידי חכמים אזו וויא אשווארצער מענטש וואס האט זיך אפילע געוואשין מיט זייף אדר מיט אנדרע זאכן ביז זיין הויט ווערט ווייס פון דעסט וועגן די קינדר זיינע ווערן געבארין שווארצע נמצא צו ליב גוטע עלטערן איז גוטע קינדער אונ פון דיא קינדר איז אראיה וואס די עלטערן זיינן. דאס איז די כוונה פון מדרש ואלה תולדות יצחק כלומר יצחק איז געבארן אצדיק ווייל ער איז געווען בן אברהם אונ די ראיה אז אברהם איז געווען אצדיק גמור איז ווייל אברהם הוליד את יצחק ער האט געוואונן דעם צדיק גמור יצחק וויא דר מדרש פירט אויס האבות עטרה לבנים והבנים עטרה לאבות דאס איז טייטש די עלטערן זיינן אקרוין צו קינדר אונ פר קערט די קינדר צו עלטערן:

וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו וגו׳ דָאס׃ טַייטְשׁ יִצְחָק הָאט גִילִיבְּט עֵשָׂו דֶען עֶר הָאט אִים גִיפַאנְגֶן מִיט זַיין מוֹיל כְּלוֹמַר עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מַאכִין פְרוּם עֶר פְלֶעגְט פְרֶעגִן וִויא מֶען גִיט מַעֲשֵׂר פוּן שְׁטְרוֹיא אוּנ פוּן זַאלְץ אוּנ רִבְקָה לִיבְּט יַעֲקֹב. אִיז דָאךְ קָשֶׁה וָוארוּם הָאט עֵשָׂו אִיר נִיט גִיקֶענְט נַארִין דָאס וֶוערְט מְתוּרָץ מִיט אַמָשָׁל אִין אֵיין אָרְט זַיינֶען גִיוֶועזְן צְווַיי רַבָּנִים צַדִּיקִים אֵיינֶר כִּמְעַט אַגָאוֹן אָבֶּר צוּ דִין תּוֹרוֹת אִיז עֶר גָאר קֵיין בָּקִי נִיט גִיוֶועזְן דֶר אַנְדֶערֶר אִיז אִין לִמְדוּת נִיט אַזוֹ גְרוֹיס גִיוֶועזְן אָבֶּר אִין דִין תּוֹרוֹת אִיז עֶר גִיוֶועזְן אַקִינְסְטְלֶר עֶר הָאט בַּאלְד דֶער קָאנְט וֶועלְכֶע אֶמֶתֶע אוּנ וֶועלְכֶע פַאלְשֶׁע טַעֲנוֹת אוּנ מִיט זַיינֶעם אַפְּסַק בֵּית דִין אִיז מֶען גִיוֶועזְן צוּ פְרִידְן דִי סִבָּה אִיז וַוייל יֶענֶעמְס עֶלְטֶערְן זַיינֶען גִיוֶועזְן צַדִּיקִים תְּמִימִים פוּן קֵיין שֶׁקֶר וְרַמָאוֹת הָאבִּין זַייא גָאר נִיט גִיוואוּסְט אָבֶּער דֶעם אַנְדֶערִינְס פָאטֶער אוּנ בְּרִידֶר זַיינֶען גִיוֶועזְן סוֹחֲרִים אוּנ שְׁווִינְדְלֶר עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין פוּן זַיי גִינוּג אָן גִיזֶעהֶן רַמָאוֹת דְרוּם אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער גֶוועזְן אִים צוּ נַארִין דָאס גְלַייכִן דָא יִצְחָק הָאט זִיךְ גִיהָאדֶעוֶועט בַּייא אַבְרָהָם וְשָׂרָה וֶועלְכֶע מֶער וִויא רֵיינֶע אֶמֶת הָאבִּן זַייא נִיט גִיוואוּסְט דְרוּם אִיז עֶר גִיוֶועזְן גָאר אַיין עוֹלָה תְּמִימָה אָבֶּער רִבְקָה בְּתוּאֵל הָאֲרַמִּים. אַטָאכְטֶר לָבָן הָאֲרַמִּים אַשְׁוֶועסְטֶר זִי הָאט שׁוֹין גְלַייךְ דֶר קֶענְט עֵשָׂוס פַאלְשְׁקַייטְן׃

עֵקֶב אֲשֶׁר שָׁמַע אַבְרָהָם בְּקוֹלִי וגו׳ הַיְינוּ הקב״ה זָאגְט אִיךְ וֶועל דִיר בֶּענְטְשִׁין וַוייל אַבְרָהָם הָאט פְרִיעֶר מְקַיֵים גִוֶועזְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָה אִיז דָאךְ קָשֶׁה וָוארוּם הָאט הקב״ה גִיגֶעבִּין דִיא אָבוֹת שְׂכַר אוּנ גִיבֶּענְטְשְׁט אוֹיף דֶער עֶלְטֶער דַוְקָא וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט וְאַבְרָהָם זָקֵן וגו׳ וַיְיָ בֵּרַךְ וגו׳ אַזוֹ אוֹיךְ יִצְחָק וְיַעֲקֹב לְסוֹף אַז זַייא הָאבִּן שׁוֹין גִינוּג תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אַיין גִזַאמִילְט דַאמָאלְס הָאבִּן זַיי אִיצְטֶער גִינָאסִין רוּהֶע אוּנ גוּטְס אָבֶּר מִיט דִי יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר זִיךְ גָאר אַנְדֶערְשׁ גִיפִירְט דֶען עֶר הָאט זַיי בַּאוִויזִין נִסִּים וְנִפְלָאוֹת אוּנ פִיל טוֹבוֹת גִיטָאן נָאךְ אֵיידֶר זַיי הָאבִּין וָואס גִיטָאן הַיְינוּ פַאר מַתַּן

תּוֹרָה וִויא מִיר גִפִינֶען אִין פַּרְשַׁת שְׁמוֹת בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹהִים עַל הָהָר הַזֶּה כְּלוֹמַר פַר דֶעם זְכוּת וָואס נָאךְ מַתַּן תּוֹרָה וֶועלִין זַיי מִיךְ אָפּ דִינֶען וֶועל אִיךְ זַייא שׁוֹין אוֹיס לֵייזִין אוֹיךְ אִין פַּרְשַׁת עֵקֶב שְׁטֵייט וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים אִיבֶּר דָאס וָואס אִיר וֶועט שְׁפֶּעטֶער הָארְכִן וְשָׁמַר יְיָ וגו׳ וְאֶת הַחֶסֶד דֶר פַר וֶועט הקב״ה אִיצְטֶער טָאן מִיט דִיר חֶסֶד. דֶר צוּ דַארְף מֶען פַאר שְׁטֵיין אַמִשְׁנָה אִין מַסֶּכֶת קִידּוּשִׁין לְעוֹלָם יְלַמֵּד אָדָם אֶת בְּנוֹ אוּמְנוּת כו׳ דָאס טַייטְשׁ מֶען מוּז לֶערְנֶען אַקִינְד אַמְלָאכָה רַבִּי נְהוֹרָאִי זָאגְט אִיךְ לֶערְן מַיין זוּן נוּר תּוֹרָה וָוארוּם פוּן אַיין אוּמְנוּת הָאט מֶען קֵיין חִיּוּת נִיט אוֹיף דֶר עֶלְטֶער אָבֶּר דִיא תּוֹרָה מַאכְט גְלִיקְלִיךְ יוּנְג אוּנ אַלְט וִויא דֶער פָּסוּק שְׁרַייבְּט וְאַבְרָהָם זָקֵן וגו׳ וַיְיָ בֵּרַךְ וגו׳ אַז אַבְרָהָם אִיז אַלְט גִיוָוארִין הָאט אִים גָאט גִיבֶּענְצְט מְצִינוּ שֶׁעָשָׂה אַבְרָהָם וכו׳ מִיר גִיפִינֶען דָאס פַר מַתַּן תּוֹרָה הָאט אַבְרָהָם מְקַיֵים גִיוֶועזְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָה אַז דֶער פָּסוּק זָאגְט עֵקֶב אֲשֶׁר שָׁמַע אַבְרָהָם בְּקוֹלִי וַיִּשְׁמוֹר מִשְׁמַרְתִּי וגו׳ דִי מְפָרְשִׁים פְרֶעגִן רַבִּי נְהוֹרָאִי הֵייבְּט אָן דָאס דִיא תּוֹרָה אִיז אַגְלִיק אִין דֶער יוּגִינְט אוֹיךְ אוּנ פִירְט אוֹיס אַרַאיָה וְאַבְרָהָם זָקֵן וגו׳ נָאר אוֹיף דֶר עֶלְטֶער וִוידֶר פְרֶעגְט מֶען וָואס פַר אַשַׁייכוּת הָאט דָאס סוֹף מִשְׁנָה מָצִינוּ שֶׁעָשָׂה כו׳ צוּ פְרִיעֶר. מִיר וֶועלִין פַר עֶנְטְפֶערִין מִיט אַמָשָׁל פוּן צְווַיי עֶרְלַייא בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת אֵיינֶער אַיין אָרִימֶער וָואס טוּט פַאר בַּעֲלֵי בָּתִּים דֶער אַנְדֶערֶער אַרַייכֶר עֶר מַאכְט אֵייגִינֶע אַרְבֶּעט צוּ פַר קוֹיפִן אַמָאל הָאט זִיךְ דֶער אָרִימַאן בַּאקְלָאגְט פַאר אִים אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע צַייט זָאגְט דֶר הֶענְדְלֶר צוּ אִים דוּ בַּאקוּמְסְט פוּן דַיינֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים אַפְרִיעֶר עֶפֶּעס גֶעלְט אוֹיף דֶר הוֹצָאָה אָבֶּר אִיךְ דַארְף וַוארְטִן אוֹיף דֶעם סוֹחֵר עֶנְטְפֶערְט דֶר אָרִימֶר טַאקֶע דוּ וַוארְסְט לַאנְג אָבֶּר דֶר פַר בַּצָאלְט מֶען דִיר גוּט אוֹיף אֵיין מָאל דֶען זֶעה וִוי אִיךְ לֶעבּ אוּנ וִויא דוּ לֶעבְּסְט. דֶער נִמְשָׁל אִיז דִי יִשְׂרָאֵל פַר מַתַּן תּוֹרָה אֵיידֶר זַייא הָאבִּן נָאךְ נָאר אָן גִיהוֹיבִּין צוּ טָאן מִצְוֹת הָאט הקב״ה שׁוֹין זַייא אָן גִיהוֹיבְּן צוּ גֶעבִּין שְׂכַר טוֹב דֶען

נאסר טרעגר לבן איז אים בעסער דארטין גיפעליג גיווארין צו שטיין ווארום פון זייא וועט ער אלין דער גיין:

ויאמר אל אדוני אלי לא תלך האשה אחרי דאס טייטש איך האב גיזאגט צו מיין הערן טאמער וועט די אשה ניט גיין נאך מיר. ורש"י שרייבט אלי כתיב כוי כלומר אלי (טאמער) שטייט דא אן א"ו. אזו וויא אלי (צו מיר) דאס ווייזט דאס אליעזר האט גיצויגן דעם שידוך צו זיך דאס אליעזר האט טאקע גיוואלט דאס קיין שידוך זאל ניט ווערין מיט יצחקין כדי ער זאל זיין אמוכרח צו נעמן זיינע אטאכטער. די מפרשים פרעגין אהארבע קשיא אויב יוא אזו דארף דאך בעסר פעלן דר וא"ו אין דעם ערשטן אולי (אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי) בשעת אליעזרס ריידן צו אברהמן גופא ניט דא וואס ער דר ציילט נור איבר פון לבן ובתואל ווי ער האט גירעט מיט אים אונ נאך מער קשיא אויף רש"י דען דר מדרש זאגט דאס זעלביגע טאקי אויף דעם ערשטן אולי דער מדרש זאגט מיט דעם לשון אליעזר האט גזאגט אולי לא תאבה וגו׳ ווייל ער האט נור גיזוכט איין אוים רייד כדי אברהם זאל מוזן טאן מיט זיין טאכטער. ווידר איז נייטיג צו ערקלערן ווארום האט אליעזר גאר באדארפט פר זיי זאגן ווי אונ וואס ער האט גיפרעגט אברהמן עס וועט אבער אלין פר ענטפערט ווערן מיט אקלוגן משל. אסוחר פלעגט שיקן שטענדיג זיינעם אמשולח קיין לייפציג האנדלן אויף אגעוויסע קאנטע היינו פר די פריערדיגע באצאלן אונ ווייטר גינומן הקפה. אמאל זאגט דער סוחר צום משולח איך האב זיך מיישב גיוועז דאס גינוג שוין צו זיין איין ערליכר מאן לבן דעם מאל פארן זאלסטו וועהן צו באקומן ארעכטע הקפה אונ ווייל דר משולח האט דאס ניט גיוואלט ליידן רופט ער זיך אפ טאמער וועט שוין דר קויפמן ניט וועלין געבין האט דער סוחר זיך גיטאן אשטארקן בייזער אונ זאגט טוא ווי איך הייס אונ פרעג קיין קשיות ניט דער משולח האט קיין אנדר ברירה ניט גהאט אונ גימוזט פארן

אהין נאר ער האט איבער גיחזרט פאר דעם קויפמאן מיט דעם לשון מיין בעל הבית האט מיר אן גיזאגט איך זאל דעם מאל נעמען אגרויסע הקפה האב איך אים גפרעגט טאמער וועלן זיי ניט וועלן געבן דר ווארט טאמר איז באלד אריין דעם קויפמאן טיף אין זינען אונ האט טאקי ניט גיגעבן קיין הקפה. מיט די זעלביגע המצאה האט אליעזר איבר גיחזרט פר זיי אלי לא וגו׳ (טאמער וועט זיא ניט וועלן) אום זיי זאלן אן הייבן טראכטן מסתמא איז עפיש דא אחסרון אין יצחקין ווען ניט טוא ווער וועט דאס ניט וועלן טאן אזו אגרויסין שידוך. דאס זאגט דר מדרש דר פון וואס ער האט גזאגט פר אברהמן טאמר וועט די אשה ניט וועלין איז אראיה דאס ער האט גיהאט איין אייגינע פניה אבר דר עיקר באווייז איז פון דעם אנדערן אלי וואס ער האט דאס איבר דר ציילט פר לבן ובתואל וויא דר משולח פר דעם קויפמאן אונ דאס מיינט רש"י אלי כתיב חסר כוי צו ווייזן מען זאל אויך קענען לייענען וויא אלי דאס איז גימיינט אליעזר האט זיך גיטראכט יצחק וועט צו מיר אן קומען פאר איין איידים:

## הפטרת חיי שרה

והמלך דוד זקן בא בימים דער מלך דוד איז גיווארן אלט ער איז גיקומען אין טעג. דעם פשט פון בא בימים פר שטייט זיך מיט די ערקלערונג פון דעם מדרש שמות גדולה הזקנה כוי אלטקייט איז אגרויסע זאך בעת די צדיקים זיינען אלט זיינען זייא ביי הקב"ה גיליבט אונ ווען אפילו זיי זיינן נאך יונגע לייט איז דאס יוגינט נאר אטפל ביי זיי כלומר דער צדיק וואס טאג אונ נאכט פאר בריינגט ער אין תורה אונ עבודת השם אונ איז ניט מבטל קיין רגע ווערט ער אין דר יוגינט אן גירופן אזקן אונ דר נאמן יונגער מאן איז ביי אים ניט קיין עיקר נאמן נאר אטפל אונ איין ביי נאמן ווייל ער האט אין זיינע יונגע יארן פר זאמילט מעשים טובים מער פאר איין אלטן מאן אזו די גמרא זאגט אין קידושין זקן זה שקנה חכמה דר וואס האט זיך איין גשאפט חכמה יענר ווערט אן גירופן אלט האטשע ער איז אין

נוען ניט וואלטן זיי גאר ניט קענען אן הויבן מקיים זיין מחמת דעם עול הגלות וויא דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים ויתן להם ארצות גוים וגו' בעבור ישמרו חקיו דאס טייטש ער האט זייא אוועק גיגעבן די פעלקערשע לענדר כדי זייא זאלן קענען היטין זיינע גיזעטין דאס הייסט וויא באשטעלטע ארבעט די פרנסה דר פון איז אפילו ניט אזו גרויס אבר מען גיט פריער שכר מלאכה. אבר די אבות הקדושים וואס זייא האבן גיהאט אגרויסן שכל אונ פון זיך אליין פר שטאנען אז עס איז פאראנען אבורא ומנהיג אונ אתורה מיט תרי"ג מצות דרום האט ער זיי גיצאלט לסוף אויף דער עלטער ווען זיי האבן שוין אין גאנצן פארטיג גמאכט זייער עבודת השם אז הקב"ה כביכול איז גיפעליג גיווארן זייערע מצות דאן האבן זייא באקומן פון אים מיטן פולן האנט וויא איינר ארבעט אויפן אייגנם רעכענונג. דאס זאגט רבי נהוראי די תורה מאכט גליקליך סייא אין דר יוגינט סייא צו דר עלטר עס איז דאך אקשיא עס שטייט דאך ואברהם זקן וגו' ווייזט דאך אויס אז אויף דר עלטר האט ער אים מיט אלץ דינג גיבענשט אבר ניט אין דער יוגינט זאגט ער דאס איז ווייל מיט די אבות איז גאר גווען אנדערש די הנהגת והשגחת הבורא דען מיר גפינן אז אברהם האט מקיים גיוועזין פון זיך אליין כל התורה כולה דאס הייסט ער האט גמאכט פארטיגע סחורה צו פר קויפן דעריבער האט ער ערסט אפ גנומן זיינע צום סוף אזו וויא דער פסוק זאגט עקב אשר שמע אברהם בקולי ווייל אברהם האט מיר צו גיהערט מיט אלשון עבר אבר אונז געמיינע בעלי מלאכות גיט ער אפריער היינו אין דער יוגינט אויך חאטשע ניט אזוא פיל ברכה אונ השפעה וויא די אבות:

ורבקה אמרה אל יעקב וגו' רבקה האט גזאגט צו יעקב איך האב גיהערט דיין פאטר זאגט צו עשו גיי פאנג א. מאך פר מיר גיריכטין וועל איך עסין אונ דיר בענטשן. איז קשה ווי אזו נארט זיא יצחקן אונ וואס דארף זיא יעקבן דער ציילין וויא אונ וואס אויך וואס דארף יצחק צו די ברכות גיריכטן דאס ווערט רעכט מיט אמשל צוויי פלעגן עסן צו זאמען אלע טאג מיטאג אמאל נאך דעם עסין זאגט איינר איך בין קראנק ענטפערט דר חבר דו האסט דאך מיט אפעטיט גגעסן ווי אלע טאג ענטפערט ער אים דוא ווייסט ניט אז דאס איז גיוועזן אגימאכטר אפעטיט מיט רפואות דען באמת האט זיך מיר טאקע גאר ניט גיוואלט אן הייבן עסין. דר נמשל איז יצחק האט זיך באמת ניט גיוואלט בענטשן עשו'ן נאר וואס זאל ער טאן ער איז דאך פארט דער בכור דרום האט ער אפריער גיהייסן ער זאל מקיים זיין מצות כבוד אב כדי צוא ליב דאס זאל אויף אים חל זיין דיא ברכה דאס מיינט רבקה ווייל ער הייסט פאנגן פר שטיי איך דאס אין אמת ווייל ער בעסר דיר בענטשן אונ צו עשו איז נור אגימאכטער אפעטיט דרום גייא דוא:

לך נא אל הצאן גייא צו די שאף. דר מדרש שרייבט רבקה האט גיזאגט צו יעקב גייא אנטקעגן די אומה וואס זיא איז גיגליכן צוא שאף אז דר פסוק זאגט אין יחזקאל ואתנה צאני צאן מרעיתי דער פירוש פון מדרש איז פאר שטענדליך מיט אמשל. אין אגעוויסע מדינה פלעגין באפאלין גזלנים אונ פלעגין זייער באראבעווען זייא. האבן די איינוואונר זיך מישב גיוועזן מען זאל גאר אויף הערין צוא האנדלן דען וואס איז דיא פעולה פון זייער מיהע ווען פר זייא בלייבט גאר ניט האט זיך איינער אחכם אפ גירופין ניין דוקא אין דיא אונגליקליכע צייט מוז מען זעהן צו פר דינן דען ווען ניט אונזר פר מעגנס וואלטן אונזרע שונאים שוין לאנג אונז אום גיבראכט איצטער אבר האבן מיר מיט וואס זיך אויס צו ליין. דער נמשל איז דאס. דען עס איז אגרויסער וואונדר פר וואס יצחק האט גיהאלטין עשו'ן אויך פאר אפרומין אבער קיין ספק אז יעקבן האט ער גיוויס גיקענט פר אצדיק תמים אם כן וואראום האט ער ניט גיוואלט יעקבן

בענטשן און יעקב אליין פר וואס האט ניט געוואלט די ברכות וויא דר מדרש דר ציילט אז ער איז גיגאנגען צוא די ברכות האט ער געוויינט נאר דיא מעשה איז אזו. יצחק האט געוואלט דאס יעקב דער צדיק זאל פון עולם הזה גאר ניט פאר זוכן ווייל עס איז אשטער צו עולם הבא וויא דער תנא זאגט אין פרק כך היא דרכה של תורה פת במלח תאכל וכו' אויך שטייט אין האזינו שמנת וגו' ויטוש אלה דו ביסט פעט געווארין דרום האסטו פר געסן אן גאט. און אזו איז טאקע געוועהן יעקבס רצון אויך. רבקה האט אבר אנדערש געזעהן ברוח הקודש וויא דר מדרש דרשנת אויף דעם פסוק הנה שמעתי את אביך וגו' דאס יעקב מוז פארט האבן די ברכות זאל זיין ניט פאר זיך נור זיך אויס צו לייזן דער מיט אין די ווייטע לענדער וואו אידן ליגן נעבאך אין גלות ביא דיא ווילדע היידן אין די הענט וויא שעפסעלאך כל זמן דר בעל הבית ציט פון זיי אניקה היינו מילך וואל האלט ער זייא וועט ניט שעכט ער זייא דאס זאגט דער מדרש לך וקדם גייא אנטקעגן כלומר זייא מציל מיט דיינע ברכות די אומה ישראל וועלכע זיא איז גיגליכן צו שאף:

ויחרד יצחק וגו' ויקח ברכתך וגו' הלא אצלת לי ברכה וגו' כאשר תריד וגו' איז דאך קשה וואס האט זיך יצחק אזו דר שראקן וועהן יעקבן איז יוא אן גיקומען די ברכות און ווארום אין אן פאנג האט ער עשון אפ גיזאגט און לסוף פארט גיבענטשט אויך דארף מען פאר שטיין וואס דער מדרש פאר טייטשט הלא אצלת לי ברכה (מן הנצולות) דאס הייסט פון די פראסטע ברכות האט עשו גיבעטן. עס ווערט פר ענטפערט מיט א משל איינר א גביר האט גיהאט אפולע גישעפטן אויך האט ער גיהאט אוויין האנדל ער האט גיהאט צווייא זין איינר איז גיוועהן א הולטיי און דער אנדערער איין ארינטליכר מאן פארן טויט האט דער פאטר דעם גאנצן אייגנם אפ גישריבן פר דעם שלעכטן זון דעם וויין האנדל פר דעם גוטין זון נאטירליך האבין זיך אלע גיוואונדערט דרויף רופט זיך אפ דער פאטר איך וועל אייך זאגן וואס ער איז וויים איך אבר פון הארצין קען מען מיר ניט ארויס נעמן ער איז דאך פארט מיינער אקינד על כן וואלט איך וועלן אים אויך פר זארגן נאר איך וויים דאך דאס ביי אים וועט זיך ניט לאנג אויף האלטן דיא ירושה וויא דען זאל איך טאן איך זאל אים אוועק געבן דעם וויין האנדל און יענעם זון מיין גאנצין פר מעגנס וועט ביא יענעם בלייבן און ער וועט האבן שברת הלב האב איך באטראכט בעסער אים אוועק געבן אלין דינג און ער וועט דאך מכתמא דאס פר שיכרן ביי דעם ברודר דען קיין אנדר וויין האנדל איז ניטא ממילא וועט אן קומען דעם גוטין זון די גאנצע ירושה און דער הולטייא וועט זיך חאטשע אקורצע צייט אן פרייען מיט אזו אגרויסן פר מעגינס און קיין תרעומות אויף קיינעם ניט האבן נור אויף זיך זעלבסט. דר נמשל איז יעקב מיט עשו אויף זיי ביידן שטייט גישריבן ולאום מלאום יאמץ איינר וועט שטארק ווערן פון דעם אנדערן היינו הקב"ה וועט אוועק נעמן די השפעה פון דעם וואס וועט פאר זינדיגן און געבן דעם צווייטן ברודר אבער ביידע אין איין צייט קענען ניט זיין גליקליך נמצא האט יצחק גיהאט צווייערלייא ברכות פאר זייא איינע ויתן לך האלהים מטל השמים וגו' כלומר דעם גאנצין אייגנס דאס האט ער גיהאלטן פר עשו דעם פאר בריינגער און די אנדערע ברכה כאשר תריד ופרקת עלו וגו' היינו דאס גליק פון דעם ניט פרומען ברודר זאל דר פרומר צו נעמן דאס הייסט דר וויין האנדיל זאל זיין פר יעקב ווייל ער האט גוט פר שטאנען דאס עס איז שווער אז יעקב זאל זינדיגין וויא בלעם הרשע האט גיזאגט אויף דאס אין במדבר לא הביט און ביעקב נאר עשו וועט דאך גיוויס זינדיגין וועט ממילא מיט דר צייט איבר גיין די ברכה ויתן לך וגו' צו יעקב. און עשו וועט זיך חאטשע אוויילע מיט איר אן פרייען און דאמיט וועט ער ביידין שטעלין אין צווא פרידענהייט דרום וויא יעקב האט ארויס

גיקראגין פון יצחקן די ברכה ויתן לך וגו' אונ פר עשון גילאזין כאשר תריד וגו' וואס פר אים טויג דאס ניט איז יצחק גיווארן דער שראקן אונ זאגט בא אחיך במרמה ויקח ברכתך דיין ברודער האט צו גינומען דיין ברכה כלומר וואס זיא פאסט נור פר דיר אבר כאשר תריד לוינט ניט פר דיר האט זיך עשו גינומן בעטן אונ זאגט הלא אצלת לי ברכה היינו וויא דער מדרש זאגט מן הנצולות גיב מיר חאטשע כאשר תריד וגו' די לעצטע ברכה אלין בעסר וויא גאר ניט אפשר וועט פארט יעקב נכשל ווערין אמאל אין עבירות דאן וועל איך קענען גיוועלטיגן ביז ער האט גיפועלט ביא יצחקן :

## הפטרת תולדות

אהבתי אתכם אמר יי ואמרתם במה אהבתנו וגו' דער פירוש פון די פסוקים איז אזו מיר דארפן וויסן דאס די חסדים אונ די אהבה פון הקב"ה צו ישראל איז אין אלע צייטן אבער אין פאר שיידענע אופנים היינו ווען זייא זיינען רעכטע צדיקים ליבט ער זייא מחמת זייערע אייגענע מעלות אונ בעת זיי זיינען ניט אזו פרום זיינען זיי אויך ביא אים חשוב ווייל ער באטראכט זייא אנטקעגן די פר דארבנע היידן אונ זעט דאס די ישראל זיינען דאך בעסר פר זיי. די זאך ערקלערט זיך בעסר מיט א משל. א קיניג מיט זיינע שרי מלוכה זיינען אמאל גיפארין אין דר וועגינס. פלוצלונג האט אן גיהויבן רוגערן אונ רעגענען האבן זיי זיך קוים ארייין גיחאפט צו א פויער אין א קליין שטיבעלע. ווידער האט זיך גיטראפין אגעשיכטע מיט דעם זעלבינן קיניג דאס ער איז אראפ גיפארין צו איינעם א גרויסן חכם פון זיין מדינה אויף איין בעזוך. אמאל איז דער פויער גיקומן אין די שטאט פון יענעם חכם אונ הערט וויא מען דר ציילט פון דעם גרויסן כבוד וואס דער חכם האט גיהאט היבט דער פויער אן צו לאבן אונ זאגט וואס איז דאס פאר א גוזמא ביי מיר אין שטוב איז אויך גיוועזן דר קיניג מיט זיין גאנצע סוויטע אונ האט דער ציילט ריכטיג די גאנצע מעשה. האט מען אים גיענטפערט עס איז א גרויסר חילוק. ביי דיר איז ער גיוועזן ווייל ער האט קיין אנדר ברירה ניט גיהאט דען וואס קען מען מאכין אויף א פרייען פעלד אין א שלאקס רעגין אבער ביא דעם חכם איז ער דאך א ריין גיפארן צום בעזוך אין א שטאט וואס עס איז דא גינוג טייערע אונ בעסערע פאלאצן דאס איז איין בעוויז אז נור אים ליבט ער. דער נמשל איז. הקב"ה כביכול האט זיך ארום גיטראגן מיט די תורה צו די פר צייטיגע פעלקר אונ זיי האבן איר ניט גיוואלט קענן (וויא עס שטייט אין גמרא אונ מדרשים) אונ אידין האבין איר יוא צו גינומן. דרום בעת זיי טוען דעם רצון הבורא יתברך וויא גיהעריג איז הייסט עס אזו וויא ער וואלט צו זיי אראפ גיפארן אונ זיי בוחר גיוועזן פון אלעמן וויא עס שטייט אין שמות אם שמוע תשמעו בקולי וגו' והייתם לי סגלה מכל העמים אויך שטייט אין תהלים כי יעקב בחר לו יה ישראל לסגלתו אונ ווען חלילה ניט הייסט עס דאס ער כביכול האט קיין אנדר ארט ניט גיהאט פר דר תורה היינו דיא היידין האבן ניט גיוואלט דיא תורה דרום האט ער איר גימאכט איין דירה ביי אידן אבר דאך האבן זיי אזכות אונ זיינען חשוב אנטקעגן זיי אזו וויא די גמרא זאגט אין עירובין אויף דעם פסוק פון שיר השירים לכה דודי נצא השדה נלינה בכפרים נשכימה לכרמים דאס די כנסת ישראל טענת פאר הקב"ה לאמיר פרייער באקוקין די היידין דיא אפיקורסים אונ כופרים נאכהער די ויין גערטנער דאס איז גימיינט דיא ישראל. אונ דעם ראזיגין זינען זאגט דער נביא אהבתי אתכם השי"ת זאגט איך ליב אייך ואמרתם במה אהבתנו אונ ווען איר וועט פרעגן פר וועלכע מעשים טובים ליבסטו אונז כלומר מיר זיינען דאך גאר ניט אזו פרום ענטפערט הקב"ה ניט מיינט איר זייט צדיקים דרום ליב איך אייך ניין איך ליב איך נאר באופן הלא אח עשו ליעקב אז עשו מיט יעקב ווערן פר בריידערט דאס הייסט ווען איך פר גלייך ביידנס מעשים אונ זעה דאס לכל הפחות זייט איר בעסער פאר עשו ואוהב את יעקב ואת עשו שנאתי איבר דעם ליב איך יעקב אונ עשו האב איך פיינט :

## פרשת ויצא

ויצא יעקב מבאר שבע רבי שמואל בר נחמן האט אן גיהויבן אין מדרש שטייט דר פסוק פון תהלים שיר למעלות אשא עיני אל ההרים דאס האט גיזאגט יעקב אז ער איז אויף גיגאנגען פון באר שבע מאין יבוא עזרי איך הייב אויף

מַיינֶע אויגְן צו די בֶּערְג צו זֶעהֶן פון וַואנֶען וֶועט פָאַרְט קוּמֶן מַיין הילְף דָאס איז גימֵיינְט אַוַּדאי אַז דֶר פָּסוּק זָאגְט עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ אֱלִיעֶזֶר אַז עֶר איז גיגַאנְגֶען בְּרֵיינְגֶען רִבְקָה הָאט עֶר מיט גיהַאט אַיין גְרויסִין רַייכְטְהוּם און איך הָאבּ אַפִילוּ אַפִינְגֶערְל נִיט. חַד וְאָמַר דֶער נָאךְ זָאגְט עֶר זָאל איך דֶען אָן וֶוערִין מַיין הָאפֶענוּנְג. נֵיין עֶזְרִי מֵעִם ה׳ מַיין הילְף איז אִיצְטֶר פון גָאט עֶס איז קָשֶׁה פון מֵאַיִן יָבוֹא עֶזְרִי וַוייזְט אוֹיס דָאס אִין אָן הויבּ איז עֶר גיוֶוען עֶפֶּעס שְׁוַואכְלִיךְ אִין בִּטָּחוֹן וִויא קֶען מֶען דָאס גָאר זָאגְן אויף יַעֲקֹב אָבִינוּ ע״ה מִיר וֶועלִין דָאס פַאר שְׁטֵיין מיט אַמָשָׁל. אַגְבִיר הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן דֶעם זוּן אַסַךְ גֶעלְט צוּם הַאנְדִיל דֶער פון זָאל עֶר זִיךְ הָאבְּן חִיוּת. אִים איז אָבֶּר נִיט גוּט גיגַאנְגֶן און פְלֶעגְט אַיין צֶערִין פון טָאג צוּא טָאג אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ גיקְלָאגְט פַאר דֶעם פָאטֶער און הָאט אִים גיגֶעבְּן עֶר זָאל אִים צוּרִיק נֶעמֶן צו זִיךְ אִין שְׁטוּבּ עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים וָואס הָאסְטוּ צוּ מִיר איך הָאבּ דִיר שׁוֹין גִינוּג גיגֶעבִּין און ווידֶער די צַייט קֶען זִיךְ פַר בֶּעסֶערְן דְרוּם מוּזְטוּ זִיךְ מַאטֶערְן בִּיז דֶעם לֶעצְטְן גְרָאסְן טָאמֶער וֶועט דִיר בַּאגְלִיקְן. וֶוען חָלִילָה נִיט דַאן וֶועל איך שׁוֹין מוּזִין דִיר צו נֶעמֶן אויף מַיין טִישׁ. אַמָאל הָאט עֶס זִיךְ גימַאכְט אַיין שְׂרֵיפָה נִיט וַוייט פון זוּן זַיינֶן צוּ זַאמֶן גילָאפְן גוּטֶע פְרַיינְד אַרוֹיס רַאטֶעוֶוען די יֶתֶר הַפְּלֵיטָה זַיינֶע הָאט עֶר נִיט גילָאזְן בִּכְדֵי דִיא לֶעצְטֶע בִּיסֶל זַיינֶע זָאל שׁוֹין אויךְ פַאר בְּרֶענְט וֶוערִין דַאמָאלְס וֶועט שׁוֹין דֶר פָאטֶר קַיין בְּרֵירָה נִיט הָאבְּן און וֶועט אִים אָפּ נֶעמֶן אויף זַיין טִישׁ. דֶר נִמְשָׁל איז עֶס איז דָא צְוַוייעֶרְלֵייא הַנְהָגוֹת הַבּוֹרֵא טֶבַע און נֵס נָאר כָּל זְמַן עֶס קֶען נָאךְ גילְטִין טֶבַע כְּלוֹמַר דֶר מֶענְטְשׁ הָאט נָאךְ אַגְיוואוינְטְלִיכְן מִיטֶל וִויא זִיךְ צוּ הֶעלְפְן מיט גָאטְס הילְף מַיי אִין חִיוּת סַייא אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן טוּט הקב״ה קַיין נֵס נִיט מיט אִים אֲפִילוּ וִויא אֵיינְג עֶס מֶעג אִים זַיין וִויא די תּוֹרָה שְׁרַייבְּט וּבֵרַכְךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה גָאט וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן אִין וָואשׁ דוּא וֶועסְט טָאן דָא איז גיזָאגְט דָאס אַמֶענְטְשׁ דַארְף טָאן און גָאט וֶועט אִים דַארְפְן הֶעלְפְן אָבֶּר נִיט פַר לָאזִין זִיךְ אויף נִסִּים. און דֶער חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת אִין שַׁעַר הַבִּטָּחוֹן רֶעט גִינוּג דֶער פון דְרוּם הָאט גיזָאגְט יַעֲקֹב אָבִינוּ אֶשָּׂא עֵינַי וגו׳ איך קוּק זִיךְ אַרוּם צוּ איז דָא פַאר מִיר הילְפֶע מיט אַנַאטִירְלִיכְן מִיטֶל אָבֶּר נֵיין איך הָאבּ אֲפִילוּ קַיין פִינְגֶערְל נִיט און אַז יוֹא אַזוֹי וֶועט שׁוֹין זַיין עֶזְרִי מֵעִם ה׳ כְּלוֹמַר מִסְתָּמָא וֶועט מַיין יְשׁוּעָה פון גָאט זַיין לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע בְּדֶרֶךְ נֵס:

מַה נּוֹרָא הַמָּקוֹם הַזֶּה אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹהִים וגו׳

וִויא פָארְכְטִיג איז דֶער אָרְט אַנְדֶערְשׁ נִיט דָא איז גָאטְס הויז. דִיא חוֹקְרִים פְרֶעגְן עֶס איז דָאךְ מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ דָאס הֵייסְט זַיין הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה איז פוּל אוּמֶעטוּם טוּא מיט וָואס איז דֶר בֵּית הַמִּקְדָּשׁ עֶפֶּעס גיוֶוען פַר אַיין אויס נַאהְם. אויךְ די מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן די וֶוערְטֶער אֵין און כִּי אִם זַיינֶען אִיבֶּעריג גִינוּג עֶס וָואלְט שְׁטֵיין זֶה בֵּית ה׳ דָאס איז גָאטְס הויז. דָס וֶועט רֶעכְט וֶוערִין מיט אַמָשָׁל. אַיין אוֹרֵחַ הָאט גיפְרֶעגְט אִין רֶעזִידֶענְץ שְׁטָאט אויף אַגְרויסְן פַּאלֶעץ הָאט מֶען אִים גיזָאגְט דָאס איז דֶעם קֵייזֶערְס דְוָוארֶעץ דָאס איז אַיין אָרְט פַאר סֶענַאט און דָא פַר זַיין דָאקְטֶר יֶענֶע פַאר די דִינֶר און אִין די הַייזֶר וואוֹנְט עֶר אַלֵיין הָאט עֶר זִיךְ אָן גיהויבְּן צוּא ווּאוּנְדֶערִין און זָאגְט אִיר הָאט דָאךְ מִיר גיזָאגְט דָאס עֶס איז נוּר דֶעם קֵייזֶערְס דְוָוארֶעץ עֶנְטְפֶערְן זֵיי אִים אִין גַאנְצִין איז טַאקֶע אַלְץ שַׁייךְ צוּ זַיין גִיבְּרוֹיךְ אָבֶּר אִין די הַייזֶר ווּאוֹינְט עֶר אַלֵיין דָא טָארְן נִיט אַלֶע און נִיט וֶוען מֶען וִויל און נִיט וִויא גיקְלֵיידֶעט אַרַיין קוּמֶן. דֶר נִמְשָׁל איז אִין די גַאנְצֶע וֶועלְט הֵייסְט עֶס נוּר אַשְׁטְרַאל און אַגְלַאנְץ פוּן די שְׁכִינָה דְרוּם קֶענֶען אַלֶע בְּרוּאִים דָאס עֶרְטְרָאגְן און עֶס גִיפִינֶען זִיךְ דָארְטְן אָבֶּר אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז גיוֶוען דֶר עִיקָר לִיכְט וָואס אַזוֹי מֶענְטְשִׁין וָואלְטִין דָאס גָאר נִיט קֶענֶען לֵיידְן סַיידְן אַזוֹי אַקָדוֹשׁ וְטָהוֹר וִויא דֶר כֹּהֵן גָּדוֹל אוּם יוֹם כִּפּוּר. דְרוּם זָאגְט יַעֲקֹב אויף דֶעם אָרְט פון בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אֵין זֶה כְּלוֹמַר איך

פיל דאס עס איז ניט וויא די פילוסופים זאגן אז אומעטום איז גלייך כי אם נאר דא איז גאטס הייליגע הויז :

ויאמר לו לבן אך עצמי ובשרי אתה לבן האט גיזאגט צו יעקב דוא ביסט מער ני[…] אז מיין ביין אונ פלייש. דר ווארט אך מער [...]יט האט קיין שום פירוש ניט נאר די מעשה איז דאס וואס לבן הארמי האט אים גיק[...]שט אונ גיהאלזט האט ער דאך נור גיזוכט צו [...]האט ער ניט אפשר אבנים טובות אונ ער איז [...]ר גאנגן אויף קלאר אז ער איז אגרויסר ארע[...]אן דאס איז גלייך צו צווייא קרובים איינר א[...] אקצין אונ דר אנדרער איין ארימאן איז דר [...]קצין די קאפ פון דר משפחה אונ דר ארימא[...]ער מעג זיך זיין וויער ער איז ער גירעכ[...]נט וויא אטפל אונ נור איין גליד אין דיא פא[...]מיליע. דאס זאגט לבן אך עצמי וגו׳ דו ביסט [...]ער ניט אז מיינער אגליד כלומר טוא וואס [...] נוצטו פאר מיר :

הכי אחי אתה ועבדתני חנם הגידה לי מה משכרתך צו דען וייל דו ביסט מיינר אברודר [...]ועסטו מיר דינן אום זיסט זאג מיר וואס פר ל[...]אנגסטו דיין לוין. איז קשה פריער זאגט ער [...]ער איז נור אגליד זיינר מיט אמאל איז ער זיך [...]תקרב אונ רופט אים ברודר. אויך וואס ה[...]ט לבן גידארפט פרעגין אפריער מה משכרתך דאס הייסט אפריער באדינגען ווען ער וא[...]ט ניט באדינגען וואלט ער דאך נאך מער [...]קענט דרייען נור מיר וועלן דאס ערקלערן מיט אמשל צו אמוך קרעמר איז אריין גיגאנגן אי[...] קרוב אונ זאגט איך גידיינק מיט אפאר יאר צוריק האסטו מיר גישיינקט טוך אויף אבגן[...]. אונ היינט וויל איך ביי דיר קויפין. ממיל[...] פאר שטייט זיך דאס ער מיינט ער זאל אים [...]יצטר לאזן וואלוויל. די זעלבינע מיינט לבן הכי אחי וגו׳ פר ווארדו ברודר האסט מיר גידינ[...] דעם גאנצן חודש גאר אום זיסט (וויא רש״י ש[...]רייבט אונ ועבדתני קען מען טייטשין דו האס[...] מיר גידינט לשון עבר) טוא זאג מיר איצטר וו[...]אס דו פרלאנגסט אויף וויטר גיהאלט. כלומ[...] נאר

וואלוויל. איין אנדר פשט איז דען דר מדרש שרייבט אויף דעם פסוק ויגד יעקב לרחל כי אחי אביה הוא דאס יעקב האט גיזאגט צו רחל דאס ער איז מיט לבן אגלייכר ברודר אין רמאות. דרום זאגט לבן צו יעקב הכי אחי וגו׳ ווייל דוא ביסט מיט מיר אגלייכער ברודר אין רמאות טוא וויא קען דאס זיין אז דו וועסט מיר דינן אומזיסט מסתמא וועסטו מיר דר נאך מער ארויס נאכן על כן איז פאר מיר גלייכער מיר זאלין בעסער באדינגען :

וירא יי׳ כי שנואה לאה ויפתח את רחמה ורחל עקרת גאט האט גיזעהן דאס יעקב האט פיינט לאה האט ער גיעפנט איר מוטר לייב אונ רחל איז גיוועזן איין עקרה. דר מדרש טייטשט כי שנואה לאה שהיתה אמורה לשונא. זיא איז גיוועזן אפ גרעט צו זיין פאר זיין שונא עשו ורחל עקרה זיא איז גיוועזן די עיקר ווירטין פון הויז. די קשיא ווען רחל איז יוא גיוועזן דיא רעכטע הויז ווירטין דרום האט זיא דען גימוזט זיין איין עקרה. דאס ווערט ערקלערט מיט אמשל. אין איין שטעטל האט דר שררה גימאכט דרייא פרנס חדשים. דארטין איז אבר גיוועזן איינר וואס ער האט גיוואלט זיין אפרנס חודש אונ אים האט ער ניט גימאכט דרום האט זיך יענער גימשפט אין דעם האט זיך גימאכט אבלבול אין שטעטל אונ פר צייטיגע מאדע איז גיוועזן דאס די פרנס חדשים פלעגן מוזן פרענטפערן די גאנצע שטאט האט מען די פרנס חדשים אריין גיזעצט אין תפיסה מיט דער צייט איז אראפ גיקומן אז יענר האט אויס גיפירט ער זאל זיין אפרנס חודש האט תיכף דר שררה בעפרייט איינעם פון די אלטע דריי אונ האט דעם נייעם פרנס חודש איין גישלאסן אין דר תפיסה אויף יענעמס שטעלע. דר נמשל איז דען דר מדרש אויך דר זוהר הקדוש שרייבט על פי סוד דאס דריי אמהות האבין גימוזט זיין עקרות אברהם אונ יצחק האבן גיהאט איינציגע ווייבר זיינן זיי גיוועזן עקרות אונ יעקבס ווייב האט בדארפט זיין אעקרה די וועלכע ער רעכינט פר אווייב. אונ דר מדרש

שרייבט אויף דעם פסוק ועיני לאה רכות אז לאה איז באשערט געווען אן צו קומן צו עשו דעם בכור נאר ווייל יעקב איז אן גקומן זיין בכורה האט זיא שוין מיט תפלה גיקענט מבטל זיין די גזירה אונ גיפאלן אין יעקבס גורל אם כן האט לאה באדארפט זיין די עקרה נאר ווייל יעקב האט פארט איר גירעכנט פר עשום ווייב אונ נאר רחלן האט ער גיהאלטן פאר דיא עקרת הבית אונ דר עיקר הויז ווירטן . דער פר איז רחל גיווארן אויף איר ארט די עקרה. דאס איז דיא כוונה פון מדרש וירא יי כי שנואה לאה וויא הקב״ה האט גיזעהען דאס יעקב האלט נאך אלין לאהן פאר די באשערטע צוא זיין שונא עשו אונ דיא גאנצע עקרת הבית איז רחל דרום איז זיא גיווען איין עקרה אונ לאה ניט. בדמיון דעם אלטן פרנס חודש בעפרייט אונ דעם נייעם אריין גיזעצט אין תפיסה אויף יענעמס שטעלע :

ויאמר אליו לבן וגו׳ נחשתי ויברכני יי בגללך וגו׳ אתה ידעת את אשר עבדתיך וגו׳ ויברך יי אותך לרגלי וגו׳ דאס טייטש לבן זאגט צוא יעקב איך ווייס דורך מיינע כישוף אז גאט האט מיר גיבענצט צו ליב דיר זאג וואס דיין פאר לאנג איז וועל איך דיר געבן . זאגט יעקב דוא ווייסט דאך וויא איך האב ביי דיר גיהארעוועט אונ גאט האט דיר גיבענצט דורך מיינע פיס. דא שיקט זיך ניט ווען לבן אליין איז אים מודה דאס ער איז פון אים רייך גווארן טוא וואס דארף שוין יעקב פר אים דר ציילן פון זיין גרויסע פראצע דאס ווערט ערקלערט מיט אקלוגין משל . אגביר פלעגט זיך אליין דינג פאר לאזין אויף פרעמדע מענטשן אונ ער אליין איז גיזעסין מיט צעהן לומדים אין זיין בית המדרש אונ גלערינט אמאל האבן זיך זיינע מענטשן צוא זאמן גרעט אונ האבן גבעטן העכערן שכירות דר זאגט זיין גיזינד האט זיך פר גרעסרט אונ יענער זאגט ער דארף האבן נדן פר אטאכטער האט זייא דער גביר גיענטפערט עפעש מיט אמאל זייט איר אלע גיווארין גרויסע בעלי הוצאות איך וועל קיינעם ניט העכערן. האבן זיי גימאכט אבונט אונ אלע אפ גיטראטן פון אים האט ער גיזעהען אז די גישעפטן גייען אונטער האט ער גימוזט זיי אלעמן נאך געבין וויא די ארעמע לומדים האבן דאס דר הערט זיינען זיי אויך גיקומן יעדערער מיט אתירוץ בעטין אהוספה אויף זייער הספקה ווען ניט טרעטן זיי אפ פון בית המדרש . האט זיך דר גביר פאנאנדר גילאכט אונ זאגט איר גלייכט זיך צו מיינע גישעפטס לייטע זייא הארעווען גינוג אגב אזעלכע נוציגע מענטשן איז טאקע שווער צוא באקומען דרום בין איך גיווען אמוכרח צוא טאן וויא זייא ווילין אבער איר אמת טאקע איך וועל ניט לייקענן דאס הקב״ה שיקט מיר צו צו ליב אייך נור וואס פר יגיעות האט איר ביי מיר ווען איר זיצט אין דער ווארעם ביי די גמרא לכן פרייט זיך מיט דאס וואס מען גיט אייך אונ אויב איר ווילט ניט איז דא גינוג לומדים אן אייך . דר נמשל איז דר לבן הארמי האט גיטענת צו יעקב אזו . אמת הקב״ה האט מיר גיבענצט צו ליב דיין זכות אבער מאן טומטו גאר ניט ביי מיר אין שטוב דו זאגסט נאר תהלות ותשבחות צוא גאט אזו וויא דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק ואתה קדוש יושב תהלות ישראל דאס יעקב פלעגט זאגן לויב צוא השי״ת אין דיא צייט וואס ער איז גיווען ביי לבן אונ איך האלט דיר נאר ביי זיך בתורת בטלן על כן קומט דיר איין נדבה נאר וויא מען גיט איין בטלן . וויא יעקב האט דאס דר הערט זאגט ער ניין קיין נדבות פאר לאנג איך ניט נאר אתה ידעת את עבודתי וגו׳ דוא אליין ווייסט דאך מיין שווערע עבודה וויא ווייט איך האב גיארבעט מיט שוויים ויברך יי אותך לרגלי וגו׳ אונ הקב״ה האט דיר גיבענצט נור דורך מיינע פיס דאס הייסט וואס איך בין פאר דיר טאג אונ נאכט ארום גילאפין אין פעלדער אונ וועלדער גישטעלט זיך אין סכנה צו ליב די שאף אנטקעגן חיות רעות. אונ אזוי אטרייען דינער אויף אטויגליכן וויא איך בין מוזט גוט באצאלין :

ארפא משובתם אוהבם נדבה איך וועל היילן זייערע ווילדקייט און וועל זייא ליבן בתורת נדבה. עס גיט צוויי ערלייא ליבשאפט איינע דורך פאר דינסט למשל וויא איינער האט ליב זיינעם אטרייען קנעכט. דיא צווייטע איז נאטירליכע אהבה וויא אפאטער ליבט זיין זון. דער חילוק איז דיא ערשטע ליבע ווייל עס איז דורך אסבה קען אמאל בטל ווערין למשל ווען דר האר באקומט אבעסערן דינר פון אים. אבער די אהבה צו אקינד וואס מען מיינט קיין פניה ניט דערין נור פון הוילין נאטור גייט קיין מאל ניט אויס. דאמיט טרייסט אונז דער נביא הושע ביז אהער איז גיוועזן דיא אהבה פון הקב״ה צו אונז דורך פאר דינסט פון אונזערע מעשים און נאך אונזער ווערדע נאך וויא עס שטייט אין האזינו כי כל דרכיו משפט דרום בעת קריעת ים סוף האבין די מקטריגים גיהאט איין ארט צו טענין וויא אין מדרש שטייט הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה מה נשתנו אלו מאלו דאס טייטש איהן האבן אויך גדינט עבודה זרה טוא ווארום זאלן זייא בעסר זיין פר די מצריים אבר לעתיד לבוא וועלן זיי שוין ווערן בבחינת קינדר אזו וויא ישעיה הנביא זאגט התשכח אשה עלה וגו׳ וויא די אשה קען ניט פאר געסן אן איר קינד אזו וועל איך אייך ניט פר געסן דרום זאגט השי״ת אוהבם נדבה איך וועל זיי דענסטמאל ליבן בתורת נדבה כלומר גאר ניט נאך זייער פאר דינסט נאך און דיא אהבה וועט קיין מאל ניט בטל ווערין און דיא גאולה וועט זיין אגאולה שלמה במהרה בימינו אמן:

כי ישרים דרכי ה׳ וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם דאס איז טייטש דיא וועגין פון גאט ב״ה זיינען רעכט פארטיגע און דיא צדיקים וועלין גיין אין זיי אבר די זינדיגר וועלן גישטרויכלט ווערן אין זיי. צו פאר שטיין גרונטיג דעם פסוק מוז מען אפריער וויסן דאס אלע מעשים אין דער וועלט האלט אין זיך איין צוויי כוונות ערב דאס הייסט זיסקייט און גישמאקייט דאס נעמט זיך פון כח התאוה. אויך טו״יל נוטציקייט וואס דאס קומט מצד חכמה. צום ביי שפיל דר האנדילט מער ניט וועגין די נוטציקייט כדי צו פר דינען חיות און יענר מחמת תאוה וואס עס ווילט זיך אים אפולע געלט. למשל איינער האט חתונה ווייל השי״ת האט אזו גיהייסן און דר אנדערר כדי אוים צוא פירן די תאוה זיינע. אפראבע צו דער ניין יעדערנס כוונה איז ווען מען זעהט וויא ער האט די נוצין באקומען האט ער דיא זאך שוין אויף גיהערט טאן דא איז אסימן דאס ער מיינט נור דעם תכלית דער פון. טוט ער אבר ווייטר און ווייטער איז בוודאי מצד תאוה. שלמה המלך ע״ה זאגט אין משלי צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר דר צדיק עסט ער זאל זאט זיין היינו צו ליב די נוציקייט דר פון אבר די רשעים פעלט בויך כלומר בעת זייא זיינען שוין אפילו זאט וואלטן זיי וועלן נאך עסן פון תאוה וועגין נאר דיא בויך איז שוין פול און זיא קען אין זיך ניט אריין נעמן פיל זיי ווילין. דאס מיינט דר פסוק כי ישרים וגו׳ די וועגן פון גאט זיינען רעכט פארטיג היינו דיא כוונה פון אלץ איז נור צוא ליב דעם תועלת וצדיקים ילכו בם די צדיקים גייען אין זיי צום עצם תכלית ופושעים יכשלו בם אבער דיא זינדיגר וואס זוכן איבר הויפט די תאוות ווערין גשטרויכלט אין זייערע מעשים וויא רבי אלעזר הקפר זאגט אין (פרקי אבות) אז תאוה פירט איבר דעם מענטשן פון דער וועלט. נאך איין פירוש צו רעכט מאכן דעם וי״ו פון וצדיקים וואס אין פלוג איז ער איבעריג וועט ערקלערט ווערן מיט אמשל. אגרויסער מכנים אורח וואס זיין שטייגער איז גיוועזן אן צו נעמן אורחים יהיה מי שיהיה מיט וויפל ערלייא גירוכטן. האט ביי אים אמאל גיגעסין איינר ניט אגיזונטר מענטש און די עסן האט אים שטארק פר שאט האט ער זיך אן גיהויבן צו ערגערן אויפן בעל הבית דאס ער פאר סאמט לייטן. האט ער זיך אפ גירופן אדרבה זאלן זאגן די אלע וואס זיצן און עסן דא ארום טיש אויב די עסן זיינען שעדליכע חלילה נאר וואס קען איך דיר העלפן ווען דיין מאגן איז אקראנקר. דר נמשל איז דר רשע מיט די תורה ומצות. דען ער רעכינט זיך אז הקב״ה כביכול איז דעם מענטשן אשונא דריבר האט ער אויף אים ארויף גילייגט פיל מצות דאס אונמעגליך איז מקיים צו זיין כדי ער זאל עובר זיין דאן וועט ער אים קענען שטראפן. דרום זאגט דער נביא כי ישרים דרכי ה׳ די דרכי התורה והמצות זיינען גאנץ גוט צו רעכט גימאכט והראיה וצדיקים ילכו בם די גזונטע מאגינס (די פרומע לייט) גינימן דער פון און ווערן גליקליך ופושעים יכשלו בם נאר די זינדיגע שארעט עס מחמת מתמא ליגט ניט דער פעלר אין די

מצות חלילה נור אין זייא אליין ווייל זייער נפש איז קראנק. אזו וויא דיא גמרא זאגט אין יומא זכה נעשית לו סם חיים לא זכה נעשית לו סם המות איז מען פרום איז די תורה אפראסיק צום לעבן אונ ווען ניט ווערט זיא אסם המות ח"ו. הש"י זאל אונז מזכה זיין זיא זאל אונז זיין אסם חיים :

## פרשת וישלח

ויירא יעקב מאד ויצר לו דאס איז טייטש יעקב האט זייער מורא גיהאט פר עשו אונ עס איז אים אייננ גיווארן. דעם פסוק ווערט מען גוט פר שטיין דורך דעם משל. איינר האט גוואלט פרובירן מזל האט מען אים גיגעבן איין עצה דאס אין זיין גיבורטס טאג זאל ער שפילן אין קארטן אויב ער וועט גיווינען איז אסימן דאס ער אונ אויך אלע קינדר וועלן זיין מצליחים ווען ניט וועט זיין אסימן אויף פר קערט דר מענטש האט קאם דער לעבט זיין גיבורטס טאג האט ער צו זאמען גינומען דעם גאנצן קאפיטאל אונ גיזעצט זיך שפילן עס איז אים אבער ניט גוט גיגאנגען אונ האט תיכף פאר שפילט עטליכע רובל איז ער זייער דר שראקן גיווארן ער האט אבר ווייטר גיפרובט מזל ביז ער האט אזו פר שפילט דעם לעצטן רובל. דא איז אים שוין אייננ גיווארן אין מוח דען אהוין וואס ער זעט זיין אונגליק אויף שפעטר איז ער אויך היינטיגן טאג גיבליבן אן אגראשן געלט אונ האט שוין ניט פון וואנן צו לעבן. דר נמשל איז יעקב אבינו מיט דיא שפעטערע דורות דער מדרש שרייבט מעשה אבות סימן לבנים דאס הייסט אלץ וואס עס האט זיך פאסירט מיט די אבות מוז זיך מאכן מיט זיינע קינדר דרום בעת די פריערדיגע צרות זיינע היינו דאס וואס ער האט גמוזט לויפן פון עשו אונ ליידן ביי לבן אונ איז ניצול גיווארין האט ער דאך מורא גיהאט דאס שפעטער זאלין זיינע קינדער ניט מוזן ליידין צרות אויף דעם אופן אבער איצטער וויא די שלוחים האבן אים גיבראכט אידיעה אז עשו גייט מיט פיר הונדערט שרים אונ מיט חיל בתול הים וויא דר מדרש שרייבט גייען אויף מלחמה אנטקעגין אים אונ ווילין אים מיט זיין גאנצע געזינט היינטיגן טאג פר טיליגן איז אים שוין איינג גיווארן דען אהוין וואס ער זעהט זיינע קינדרס אונגליק אויף שפעטר איז אים אליין איצטער אויך זייער איינג :

ויבא יעקב שלם עיר שכם דר מדרש הויבט דא אן מיט דעם פסוק שיר המעלות רבת צררוני מנעורי יאמר נא ישראל רבת צררוני מנעורי גם לא יכלו לי דאס טייטש דר אלטר ישראל דאס הייסט יעקב אבינו זינגט אזו אין דער יוגינט האבין מיר מיינע פיינט פיל צרות אן גיטאן זאגט הקב"ה צו אים זיינן זיי דיר דען ביי גיקומען ענטפערט ער אים אויך זיי זיינן מיר ניט בייא גיקומען וויא עס שטייט גישריבן יעקב איז גיקומען בשלום קיין שכם טוא וואס ארט דא דעם מדרש עס ווערט דאס ערקלערט מיט איין משל. אמאל איז גיקומען אפראפעסער פון אוניווערזיטעט מיט אפרינץ באזוכן פאריזר קליניק. האט ער דארטן דער זעהן איינעם אחולה וואס איז שוין גיוועזן כמעט גאר גיזונד האט ער זיך אן גיהויבן שטארק בייזערן אויף דעם קליניק דאקטער דער נאך האט ער באטראכט איינעם אשוואכן חולה אונ האט פיל מאל גידאנקט דעם דאקטער פאר זיין קוראציע דער פרינץ האט זיך שטארק גיוואונדערט ארויס גייענדיג זאגט ער צום פראפעסער שטייין פאר דעם אויס גיהיילטן קראנקין האסטו אים אויס גירעט אונ פאר קערט פאר דעם גיפערליכן האסטו אים גאר גידאנקט ענטפערט ער אים דער ערשטער איז ביי זיין אריין טרעטן אין קליניק גיוועזן איין גיזונטר נאר דער דאקטר האט אים קראנק גימאכט כדי ער זאל פון אים דער גיין פראקטיקע וועגן וואס עס איז פר אים נייטיג גיוועזן לבן האב איך אים פר די גרויסע עולה פאר גיהאלטן. מיט דעם צווייטין קראנקין איז אבר אזו אמעשה ער האט אין זיך אזו אמין פעלער וואס עס וועט זיך איצט ארויס נייזן אויף די עלטערע יארן אונ דאמאלסט זיינע שוואכע קרעפטן וועלן שוין ניט קענן

דר טראגן די שטארקע אונ שארפע מעדעצן וועלכע עס פאדערין דער צו. דרום איצטר אין דר יוגנט איז ער נאך ביי זיין רעכטן כח האט ער דורך קלוגע מיטלען אין אים אויף גירייצט דעם פעלר אונ היילט אים אויס וויא גיהעריג איז דאמיט וועט ער שוין אין די שפעטיגע יארן זיין דר פון גיזונט אונ פריש אונ דעריבר קומט אים פיל דאנקן ערסטינס פר זיין קראנק מאכן אים אונ פאר זיין אויס היילן אים. דאס גלייכן דא דען ווי די ספרים שרייבן האבן די אבות ע"ה גאר ניט בדארפט וויסין פון קיין צרות נאר ווייל הקב"ה האט אכטונג גיגעבן אז אידן וועלן שפעטער מיט זייער שוואכן זכות ניט קענען בשטיין אנטקעגן דיא שווערע פירעניות דרום האט ער מסבב גיוועזן עס זאל טרעפן פריער דיא אבות אונ זייערע תפלות וועט שוין זיין אפעולה פאר אונז וויא דר מדרש זאגט יעקב האט גיבעטן פאר דעם כלל אונ הקב"ה האט אים מבטיח גיוועזן וויא דר פסוק זאגט יענך ה' ביום צרה ישגבך שם אלהי יעקב אויך דער זוהר הקדוש טייטשט דא דעם פסוק אין פרשת בלק כי לא נחש ביעקב ווייל יעקב האט מתפלל גיוועזן עס זאל אויף אים ניט שולט זיין לבנס כישוף ולא קסם בישראל דרום קען שוין די קינדר ישראל ניט שאטן קיין צויבערייא אונ דאס איז דיא כוונה פון מדרש ווארום ערשטן שיקט זיך ניט ווי קומט זינגן אשיר צו צרות. צווייטנס ווארום שטייט רבת צררוני ניט דאפלט. דריטנס דר ווארט גם איז איבעריג דרום טייטשט דר מדרש אזו דעם פסוק שיר המעלות רבת וגו' יעקב זינגט אונ דאנקט גאט פר וואס די פיל צרות האט זיך גימאכט אין דער יוגנט דאס הייסט אין זיין צייט אונ ער מיט זיין זכות ותפלה האט אלץ מבטל גיוועזן אונ ווייל עס ווייזט אויס אז דר הויפט שמחה איז וואס ער האט מבטל גיוועזן די גזירה זאגט הקב"ה צו אים יהלי לך צו זינגן דען דיינע שונאים דיר ביי גיקומן פלוטר דיין גיהאלפין ווערן איז איין איבינע ישועה פר דיינע קינדר מוזט דו דאך מיר דאנקן פר די צרות וויא פר די ישועה. ענטפרט יעקב נאך אמאל טאקע אזו רבת צררוני מנעורי איך דאנק אונ לויב דיר אויף דיא צרות מיינע אין דער יוגנד גם לא יכלו לי אונ איך דאנק דיר אויך פר דעם וואס די שונאים זיינן מיר ניט ביי גיקומן וויא דר פראפעסר האט למשל גירימט דעם דאקטר סייא פאר דעם קראנק מאכין יענעם מענטשן אונ סייא פאר דעם היילין אים :

ויבא יעקב שלם עיר שכם דר מדרש הייבט אן דרשנן מיט דעם פסוק רבות רעות צדיק ומכלם יצילנו ה' דאס טייטש פיל שלעכין ליידעט אצדיק אונ גאט וועט אים מציל זיין פון אלעם בייז. פיל שלעכין דאס איז גמיינט עשו מיט זיינע תארן צדיק איז יעקב אונ גאט וועט אים מציל זיין פון אלעם אזו וויא דר פסוק זאגט יעקב איז גיקומן בשלום אין די שטאט שכם. איז די קשיא דר ווארט ומכלם פון אלין איז איבעריג אויך האט בעסער גידארפט שטיין הצילו ער האט אים מציל גיוועזן אבר יצילנו ווייזט אויס דאס ער וועט אים מציל זיין דאס ווערט פר ענטפרט מיט אמשל. צווייא נגידים האבן אצייט יארן צווישן זיך גקריגט אין דעם האט זיך גימאכט דאס איינעמס אמשרת האט אן גישלאגין דעם אנדערינס האט דער שופט גישטראפירט דעם משרת דאפיר מיט געלט. אבער יענעמס בעל הבית האט זיך ניט באנוגינט מיט דעם פסק אונ להכעיס דעם גישטראפירטינס בעל הבית האט ער זיך גמיהעט מען זאל אים פון שטאט אויך ארויס טרייבין. איבר דעם האט שוין גימשפט זיך פר קערט זיין בעל הבית אונ מיט גרויס נצח אויס גימשפט זיך אז זיין משרת איז גאר פטור אין גאנצין אפילו פון באצאלן אויך. דער נמשל איז אזו וויא דיא גמרא זאגט אין סוכה וואס מער דער צדיק איז גרעסער דאס מער איז זיך מתגבר דר יצר הרע אים אן צו ריידן צו איין עבירה. דאס גלייכן שטארקט זיך אויף אים דער שטן כדי ארין צו פירין אים אין אצרה ווייל דורך זיין השפעה לעבט די גאנצע וועלט אזו וויא דר פסוק שרייבט

אין משלי אצדיק איז דר פונדאמענט פון דר וועלט אונ ווען מען ווארפט איין דעם פונדאמענט ממילא פאלט איין דער גאנצר בנין. אונ דר עיקר כוונה פון שטן איז דאמיט שלעכץ צו טאן די וועלט. נמצא דאס רוב ליידעט דער צדיק הדור פיל פרעמדע צרות דרום איז הקב"ה אים מציל פון אלין דינג כלומר אפילו פון דיא ביסל וואס ער דארף פר זיך אליין ליידן. דאס מיינט דר מדרש רבות רעות וגו' ווייל יעקב אבינו האט גיליטין פון עשו מיט זיינע הארן פיל רעות פר דעם כלל דרום איז דער יושר ומכלם יצילנו יי' דאס הקב"ה זאל אים פון אלין היינו אפילו פון דעם וואס ער דארף פר זיך אליין ליידן אויך מציל זיין ויא דר באשטראפטר משרת ווייל מען האט אים גיוואלט שטארק ביז טאן צו ליב זיין בעל הבית. דרום איז ער פטור גיווארן פון אלע צרות:

וישב ביום ההוא עשו לדרכו שעירה עשו האט זיך צוריק גיקערט דעם זעלבינן טאג צו זיין וועג קיין שעיר. אין פלוג צו וואס דר ציילט דיא תורה הקדושה אונ וואס איז דיא נפקא מינה צו ער איז תיכף אפ גיפארן אדער ער וואלט דא נאך פאר זאמט. דאס ערקלערט אונז דר משל צווייא ברידר האבן גיוואוינט אין איין שטאט איינר זייער איין ארינטליכר מאן אונ דער אנדערער אגרויסער להוט נאך געלט. אמאל האבן זיי באקומן אידיעה פון זייער פאטר אגרויסר עושר אונ וואוינט אין מרחקים דאס ער איז שטערבליך קראנק. זיינן זיי בידע אוועק צו אים אבר איידר זיי זיינן אהין גיקומען איז ער דער ווילע גיזונד גיווארן. דער זון דער געלט ליב האבר וואס זיין גאנצר פארן איז נאר גוועון כדי די ירושה ארין צו חאפין אונ דא האט ער דער וויסט דעם פאטר נאך זייער גיזונד איז אים שטארק זייער גיווארין איפין הארצין אונ פון גרויס שברות הלב איז ער באלד דעם זעלבינן טאג אפ גיפארן צוריק אהיים. דר גוטר זון אבר וואס דר הויפט איז ער טאקע באמת גיפארן זעהן וואס דר פאטר מאכט בפרט אין אזעלכע מרחקים אונ ווער ווייסט ווען מען וועט זיך שוין ווידר קענן אמאל זעהן האט ער דארטן פר בראכט כמה חדשים אונ גיפרייט זיך מיטן פאטר. דר נמשל איז עשו הרשע דען עס איז צוא פרעגין ווער זאגט דאס אז עשו האט גימיינט יעקבן עפים ביז צו טאן אדרבה ווי עס ווייזט אין פסוק איז ער גיוועזן דר בעסטר גוטער פריינד אונ האט אים גיקושט אונ גיהאלדזט אונ גיוויינט מחמת שמחה אונ איז ארויס אים באגעגענן מיט פיר הונדערט לייט גוטע פריינד זיינע. דעריבר לסוף די מעשה שרייבט דיא תורה וישב ביום ההוא עשו וגו' דאס איז טייטש עשו איז גלייך דעם זעלבינן טאג אפ גיפארן אהיים היינט אויב ער איז באמת נור גקומן זיך זעהן צו ליב גוטע פריינדשאפט טוא וויא אזו שיידעט מען זיך אזו גיך ווען מען קומט אראפ אזו אווייטע נסיעה פון אברודר וואס מען האט זיך שוין אצייט יארן ניט גיזעהן אלא ער האט ניט גימיינט אים צו קושן נור צו בייסן נאר הקב"ה האט אים גיטאן נסים וויא אין מדרש שטייט. אונ אז ער האט גיזעהן דאס ער קען זיין צוועק ניט גרייכין איז ער תיכף אין זעלבינן טאג אוועק גיפארין:

ויענו בני יעקב וגו' במרמה וידברו וגו' יעקבס קינדר האבן גיענטפערט שכם אונ זיין פאטר חמור מיט איין פאלשקייט אונ זיי האבן גרעט. די מפרשים פרעגן אקשיא די ווערטר במרמה מיט פאלשקייט אונ וידברו זייא האבין גירעט זיינען איבעריג דען ווער זעהט ניט אז דאס איז גיוועזן גירעט מיט פאלשקייט. עס ווערט מתורץ בדרך דמיון. אזון גיט אפ דעם פאטר כבוד אונ לאזט אים גיין אומעטום אפריער אבר וויא עס קומט צו אבלאטע איז פארקערט כבוד אב דר זון זאל גיין אפריער כדי ער זאל אוים טרעטן אוועג פאר דעם פאטער. דאס גלייכין דא שיקט זיך ניט דאס דער מדרש שרייבט אין פרשה ויצא אויף דעם פסוק ותש רחל ולאה וגו' רחל איז גישטארבן פריער פר לאה

איבער דעם זינד וואס זיא האט גיענטפערט פריער פאר די עלטערע שוועסטער לאה מכל שכן וויא אזו האבן זיי דא גיענטפערט פריער פאר זייער פאטער יעקב. דרום זאגט דר פסוק במרמה וידברו וגו׳ ווייל אין דעם ארט איז גיוועזן אבלאטע כלומר אגרויסע פאלשקייט האט ניט גיפאסט יעקב זאל דאס זאגין האבין זייא גירעט:

ולא אחר הנער לעשות הדבר כי חפץ בבת יעקב דאס טייטש שכם האט גיהייסן תיכף אלעמן זיך מל זיין ווייל ער האט גילוסט יעקבס טאכטער מען מוז פאר שטיין וואָרום אז חמור האט גיזאגט דאס זיין זון וויל נעמן דינה האט ער גיזאגט מיט דעם לשון חשק (גילוסטן) שכם בני חשקה נפשו בבתכם און דא שטייט דארויף מיט דעם לשון חפץ (וועלן) נאר די מעשה איז דאס עס איז דא פיל זאכן אין דר וועלט וואס זיינן נור אנגענעהם ערב אבער ניט נוצליך און פיל וואס זיינן נור נוצליך מועיל אבר ניט אנגענעהם דר סימן וואס עס גיהערט צום ערשטן טייל און וואס צום צווייטן איז דאס ערב ווייל עס נעמט זיך פון כח התאוה פון דעם יצר הרע טוט מען תיכף און מיט גרויס לוסט אבער וואס נור מועיל איז ווילט זיך גאר ניט און קוים וואס מען טוט דאס ווייל דאס קומט פון יצר טוב און דר שרש חשק ווייזט אויף דאס וואס גילוסט זיך צו טאן מחמת עס איז נוציג זייער און דר שרש חפץ בעטייט אויף הוילע תאוה. דרום חמור ווייל ער האט גיוואלט לויבן זיין זון שכם האט ער גיזאגט חשקה נפשו כלומר ער מיינט נור די מצוה און די נוטצן דר פון ווייל זי איז אצנועה און אבת תלמיד חכם. אבר דר פסוק זאגט ניין ולא אחר וגו׳ שכם האט זיך ניט פאר שפעטיגט צו טאן היינו ווייל ער האט דאס תיכף גטאן איז אקלארע ראיה כי חפץ וגו׳ דאס ער האט לוסט גיהאט וצוא דינה מער ניט מחמת איר שוינהייט און אויס הוילע תאוה:

## הפטרת וישלח

אומר בלבו מי יורידני ארץ אם תגביה כנשר וגו׳

ארום (דאס איז עמלק) טראכט זיך ווער קען מיר אראפ נידערן. זאגט הקב״ה ווען דו וועסט הויך זיין וויא דר אדלער און דיין נעסט וועסטו מאכן צווישין שטערן וועל איך אליין דיר פון דארטן אראפ נידערן. דר טעם איז וואָרום איז עמלק ביי זיך אזו זיכער ווייל ירמיה הנביא זאגט אין איכה מפי עליון לא תצא הרעות. ווידר שטייט אין איוב חלילה לאל מרשע דאס הייסט גאט ב״ה דר רב חסד ובעל הרחמים מיינט מיט אלע זיינע מעשים קיין בייזעס ניט. נאר גוטעס און דיא שלעכטס קומט ממילא. למשל אין מלוכה האלט מלחמה און נעמט איין די אנדרע איז דר הויפט כוונה פון השי״ת די מלוכה זאל גרויס ווערן און דאס וואס די צווייטע מלוכה גייט אונטר ווערט שוין ממילא ווייל מען האט אוועק גינומען פון איר דאס לאנד. דר מדרש שרייבט אין פרשה ויצא דר פסוק שרייבט ניט והנה מלאכי אלהים יורדים ועולים נו די מלאכים פון גאט דאס זיינען דיא הימלישע שרים פון יעדער מלוכה נידערין אראפ און גייען ארויף. נייערט עולים ויורדים ארויף און אראפ. צו ווייזן דאס הקב״ה מיינט דר הויפט דעם גרויס צו מאכן און די ירידה פון יענעם קומט אים ממילא דורך זיין חבר. און ווייל אין משיח צייטן וועט עמלק בלייבן דר לעצטער פר לארן צו ווערן וויא בלעם הרשע האט נביאות גיזאגט אויף אים ראשית גוים עמלק ואחריתו עדי אובד דאס טייטש עמלק איז דער ערשטער פון אלע פעלקר און ער וועט פאר לארין ווערין צום לעצטן דאס הייסט קיין אנדערן וועט ניט אן קומען זיין מלוכה און פון זיין רעה וועט קיין טובה קיינעם ניט ארויס קומען דרום וועט ער זיך איינריידן דאס ער וועט אייביג קיניגן און ניט אויס גיין. דען גאט ב״ה טוט נאר טובות און די רעה קומט נאר ארויס אגב. איבר דעם זאגט הקב״ה טאקע קיין אנדרער וועט ניט צו נעמן פון דיר. אבר איך וועל אליין דיר אראפ נידערן און צו נעמן דיין מלוכה און צו ליב דיין ירידה וועל איך כביכול האבן איין עליה. וויא סוף הפטרה שטייט ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לי״י המלוכה. אמן:

אין אפייל קהלות לייענט מען הפטרת וישלח ועמי תלואים למשובתי אין (הושע י״א):

ועמי תלואים וגו׳ כנען בידו מאזני מרמה לעשק אהב. ויאמר אפרים אך עשרתי מצאתי און לי כל יגיעי לא ימצאו

לי עון אשר חטא דאס איז טייטש אין הענדלער וואס האט אין האנט פאלשע וואג שאלן האט ליב צוא רויבן אבר אפרים דאס הייסט ישראל האט גיזאגט פר וואר איך בין רייך גיווארן איך האב באקימן אשטארקן פר מעגנם נאר אין מיין גאנצע הארעוואנע גיפינט זיך ניט קיין זינד. ווער פר שטייט דאס ניט אז פאלשע גיוויכט איז אגזילה. אונ וויא אזו איז עס גאר אסברא צו מיינען דאס אפאלשע וואג געבין וואס דאס איז פון דיא הארבסטע עבירות רחמנא ליצלן איז גאר קיין שום זינד ניט נור דאס קען גמאלט זיין דורך דעם טעות. דען אמענטש וועט זיך וועלין טראכטין אמת די תורה הקדושה האט דאס זייער שטראנגע פר באטן אויך דר שכל איז אויך מסכים דר צו אבר דער טעם איז דאך נור ווייל מען זאל דעם קויפר קיין עולה ניט טאן וועל איך אבער לאזן נאכן ערך וועלוועלער כדי איין צו ברייננגן זיך פרנסה ווארום איך בין אפרישער קרעמער ממילא וועט מיר זיין אטובה אונ די קונדן מיינע קיין רעה ניט. אבר באמת טאר מען דאס ניט ווי די גמרא זאגט אין בבא בתרא אז מען טאר זיך קיין שום היתירים ניט מאכן אין דעם. אויך דיא תורה זאגט אונז אן אין פרשת קדושים לא תעשו עול במשפט במדה במשקל ובמשורה. מאזני צדק וגו׳ אני יי וגו׳ ושמרתם את כל חקותי דאס טייטש בייא מאס אונ גיוויכט זאלט איר ניט טאן אום רעכט מיט גירעכטיקייט כלומר געבן פאלש אונ דער פאר ארונטער לאזן פון פרייז. דען איך אייער גאט וויל דווקא איר זאלט האבין ריכטיגע וואג שאלין. ריכטיגע געוויכט. ריכטיגע מאסן. אונ די מצוה זאלט איר היטן וויא אחוק. למשל פרה אדומה. שעטנז. גאר אן אטעם. ווארום אז ניט וועט איר שוין נעמען זוכין היתירים (למשל וויא דאס רוב עולם דר אינטר גרוישע רבנים ומדקדקים במצות ווערין בטל בעוה״ר אין דעם פייערדיגין איסור ריבית (פראצענט) מיט היתירים פון שפין וועבס ביז לסוף וועט מוזין דער פון ארויס קומן עולות אונ גזילות. שלמה המלך ע״ה זאגט אין משלי מאזני מרמה תועבת יי ואבן שלמה רצונו פאלשע וואג שאלן איז ביי הקב״ה אום ווירדיג. דען זיין רצון איז עס זאל נור זיין ריכטיגע גיוויכט. איז דאך קשה פשיטא אפילו אקליינער אינגל ווייס דאך אויך. אלא ער מיינט נור באופן אז דעם קויפר איז קיין שאדן ניט. דאס מיינט אונזר פסוק ונגו׳ בידו וגו׳ דער קרעמער וועלכער ער האט פאלשע גיוויכט אונ מיינט דאמיט איין צו ברייננגן קונדן הנם אין אנפאנג טוט ער זיי קיין היזק ניט לעשוק אהב האט ער פארט ליב לסוף צו רויבין ויאמר אפרים נאר ער רעט זיך אין אן פאנג אין אך עשרתי וגו׳ לא ימצאו לי עון אשר חטא וואס ארט ווען ווען איך וועל רייך ווערן אונ קיין חטא גיפינט זיך ניט אין דעם. דען זייא באקימן דאך וועלוועלער אבער באמת איז דאס אגרויסער טעות וויא פריער איז שוין גינוג איבער ציינגט אונ בייא גאט ב״ה איז אזעלכע פוסטע היתירים אומווירדיג:

## פרשת וישב

וישראל אהב את יוסף מכל בניו וגו׳ וישנאו אותו ולא יכלו דברו לשלום. יעקב האט גיליבט יוסף מער פר אלעמן דרום האבין די ברידר אים פיינט גיהאט אונ ניט גיקענט ליידין מיט אים פרידליך. דר מדרש ברייננגט צו זייער שנאה כמה סבות אם כן איז קשה ווארום דער מאנט דר פסוק נאר די איין סבה פון אהבה אויך דר ערשטער למ״ד פון לשלום (וועלכער בעטייט אויף צופרידין) האט קיין פירוש ניט. דאס וועט מתורץ ווערין מיט דעם דין וואס מען טאר אין הארצן קיין שנאה טראגין אונ ווען אפילו מען האט וואס צוא איינעם איז גלייכער אים אויס צו ריידין ערשטן ווערט דאמיט די שנאה קילר. צווייטנס אפשר וועט יענער בלייבין גירעכט אונ אזו הייסט אונז די תורה אין פרשה קדושים לא תשנא את אחיך בלבבך הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא דאס הייסט זאלסט אין הארצן קיין שנאה טראגן אויף דיין ברודר רייד זיך בעסער מיט אים דורך דאן וועסטו צוא אים גאר ניט האבין דרום וועגן יענע זאכין וואס דער מדרש ברייננגט קען זיין ווען דיא שבטים וואלטין מיט אים דורך גירעט וואלטן זיי בעסר ווערן אבר די סבה פון אהבה וואס נור דר פאטר איז אין דעם שולדיג טוא וואס קען העלפן זייער אויס ריידין יוסיפן לכן האבן זייא ניט דורך גירעט וועגין דעם מיט אים ווייל דאס וואלט גאר ניט גיהאט גיבראכט צו שלום (וויא דר למ״ד

נייזט אויף צו) אונ דריבער דער מאנט דער פסוק נאר דאס הויפט זאך היינו ווייל יעקב האט אים גיליבט:

המלוך תמלוך עלינו אם משול תמשול בנו דיא ברידער האבין גיזאגט צו יוסף ווערסטו דען קיניגן אדר גוועלטיגן איבר אונז. די מפרשים פרעגן אויף דעם כופל לשון דען גיוועלטיגן איז די זעלביגע וואס קיניגן. די קשיא ועט פר ענטפערט ווערן מיט אמשל. צווייא אורחים איינער ארב אונ דער אנדרער זיין בעל עגלה זיינן גיקומן אין שול. דר בעל עגלה איז גיוועזן אגראבר יונג אונ איין עזות פנים אונ האט גיזוכט כבוד איז ער גלייך ארויף אין מזרח וואנט אונ דר רב איז גיבליבן שטיין אונטערן בימה. האט דר גבאי גיהייסן ארויף בעטן דעם רב אויבן אן. דר נמשל איז שלמה המלך ע"ה זאגט אין משלי גאות אדם תשפילנו ושפל רוח יתמוך כבוד. דאס הייסט גאוה מאכט שפלות אונ שפלות גיט כבוד. דער ילקוט שרייבט אין שמואל א' אויף דעם פסוק מיט דעם לשון דר וואס לויפט פון התמנות אונ כבוד יאגט דר כבוד אים נאך פר קערט אזעלכר וואס יאגט זיך נאך כבוד אנטלויפט דר כבוד פון אים. שאול המלך האט זיך באהאלטין אונ ניט גיוואלט ווערן אמלך האט די מלוכה אים אויף גיזוכט. דאס איז גימיינט. אנכבד ווערט אן גירופן אז מען גיט אים כבוד. אבר דר וואס נעמט אליין אפילו ער בלייבט דר ביי איז זיין כבוד נור בזיון למשל דר בעל עגלה מיטן רב זיינן ביידע גלייך גישטאנען אין מזרח וואנד אונ פון בעל עגלה האט דער עולם גילאכט דריבר אונ דר רב כדומה ווען ער וואלט פון אן פאנג אליין ארויף אויבן אן קען איינער מיינן דאס ער איז איין פראסטער יונג וואס זיין נאטור איז אומעטום סייא אין שול סייא אויף אשמחה ארויף צו קריכין וואס העכר אבר אז דר גבאי האט אים ארויף גיבעטן דאן האבן שוין אלע דר קענט ווער ער איז. דיא זעלביגע יוסף ווייל ער האט אלין גיזעהען אזעלכע חלומות וואס נייזט אויף מלוכה האבן די ברידר אים גירעכנט פר אבעל גאות אונ ארודף אחר הכבוד אזו וויא דיא גמרא זאגט אין ברכות ווי מען טראכט אזו חלומט זיך. גם איז ידוע אז מלך אין לשון קודש הייסט אזעלכר וואס צו ליב זיינע גוטע מעלות אונ טויגליכקייט האט דיא מדינה מיט דעם גוטין ווילן אים גיקריינט. אונ מושל איז אבהערשר מיט גיוואלד דרום די ברידר ווייל זייא האבן אים פיינט גיהאט זאגן אזו צו יוסף המלוך תמלוך עלינו קען דען זיין דאס מיר זאלן דיר אליין מיטן גוטן ווילן אויס קלייבן פאר אמלך איבר אונז אם משול תמשול בנו ווען דו ביסט אזו ארודף אחר הכבוד אונ זוכסט צו זיין אמושל איבר אונז וועט דאך פון דיר דר כבוד גיוויס אנטלויפן אונ עס וועט דיר די מלוכה נאך מער בזיון אן מאכין וויא דר מזרח וואנט דעם בעל עגלה:

ונראה מה יהיו חלומותיו דיא שבטים האבן גיזאגט לאמיר אים הרגנן אונ אריין ווארפין אין גרוב דא וועלן מיר זעהן וואס עס וועט זיך אויס לאזן מיט זיינע חלומות. דר מדרש שרייבט הקב"ה האט אזו גיזאגט איר זאגט דאך ונראה וגו' לאמיר זעהן אונ איך זאג אויך ונראה לאמיר זעהן נוא אדרבה מיר וועלן זעהן וויא ווער עס וועט בלייבן. צו פר שטיין דעם מדרש וועלין מיר מקדים זיין אמשל. אגנב האט ארויס גיגנבעט אקארעטע מיט אפאר גוטע פערד אונ גילאפן. אין וועג האט אים איינר בגעגנט אונ זאגט וויא איך זעה ביסטו ארייכר מאן אונ עס פאסט ניט פאר דיר דו זאלסט אן טרייבן לכן נעם מיר פר אשמייסר ענטפערט דער גנב גאנץ גוט נור טרייב וואס גיכר. אז זיי זיינן אריין גיפארן אין אקרעצמע געכטיגן האט דר שמייסר שטילר הייט אויס גיקערעוועט די פערד צוריק צום טויער אין וועלכן זיי זיינן אין אים אריין גיפארן דר נאך אז זייא זיינען ארויס גיפארין האט דער גנב גיהייסן גיכר פארן כדי ער זאל גיכר זיך ערווייטערן פון דעם ארט וואו ער האט גגנבעת אונ דער האט אים גיפאלגט ביז ער האט פלוצלונג דר זעהן דאס ער שטייט ביי דעם

זעלבינן שמאל פון וואנען ער האט די פערד ארויס גיפירט דען יענער שמייסר איז אליין גיוועזן דער בעל הבית פון די פערד און האט דאס בכיוון אים אפ גיטאן. דער נמשל איז דאס אמענטש ווען ער וויל זיך מציל זיין פון זיין שונא מוז ער טאן אהיפך וואס דר שונא וויל אים טאן. אבער הקב"ה לאזט אדרבה דעם רשע טאן וואס ער וויל און בעת ער מיינט דאס ער האט שוין אויס גיפירט דאן לאזט זיך אויס גראד פר קערט היינו פר אים ארעה און פר דעם צדיק אטובה ווי די מעשה אין שבת מיט דעם וואס דיא שטערן זעהער האבן אים גיזאגט דאס דיין גאנצן פרמעגינס וועט אן קומען דעם אידין יוסף וואס האלט טייער שבת האט ער אלין דינג פר קויפט און גיקויפט אטייערין פעריל און דורך דעם איז אדרבה דר פעריל אן גיקומן דעם יוספן. און דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים טבעו גוים בשחת עשו די פעלקר זיינן דער טרונקן גיווארן אין דעם גרוב וואס זיי אליין האבן גימאכט. דר מדרש שרייבט מען האט באדארפט אראפ פירן יעקב אבינו אין קייטין קיין מצרים כדי עס זאל מקוים ווערן די גזירה פון כי גר יהיה זרעך נאר הקב"ה האט גיטאן חסד מיט אים און מסבב גיוועזן זיין ליבשאפט צו יוסף אויך יוספס חלומות און וייל די ברידר האבן זיך מתקנא גיוועזן אן אים האבן זייא גיוואלט מבטל זיין די חלומות דורך דעם פאר קויפן אים ממילא זיינן די חלומות מקוים גיווארן דורך דעם היינו ער איז דארטן גיווארין אמלך און יעקב איז אהין גיקומען בדרך כבוד. דיא כוונה מיינט אונזער מדרש איר זאגט ונראה כו' און איך זאג אויך ונראה כו' מיר וועלין זעהן ווער עס וועט מיט דעם אויס פירין כלומר דעם מיטיל וואס איר מאכט כדי מבטל זיין זיינע חלומות דאס גופא איז אדרבה אפעולה דאמיט זאל מקוים ווערן די חלומות. וויא דער משל פון גנב ער האט גיהייסן גיכער פארן כדי ניצול צו ווערין פון בעלי הבית און דאס גופא איז פאר קערט גיוועזן אסבה ער זאל גיכער ארין פאלין צוא דעם בעל הבית אין האנט:

ויראה יהודה ויחשבה לזונה וגו' יהודה האט דער זעהן תמרן האט ער איר גירעכנט פאר איינע אויס גילאסינע. דר מדרש דר ציילט יהודה האט גיוואלט פר ביי גיין האט הקב"ה גישיקט איין מלאך דר ממונה איבר תאוה און האט צו אים גיזאגט יהודה וואו גייסטו אוועק פון וואנען וועלן ארויס קומן מלכים פון וואנען וועלן ארויס קומן אויס לייזר כלומר משיח. נטה אליה וגו' דרום איז ער ניט ווילענדיג צו איר צו גיגאנגען. דא איז צו פרעגן איין הארבע שאלה וואָרום גראד דער שורש פון מלכי בית דוד און משיח זאל ארויס וואקסן פון איין ענגין בזיון וויא יהודה האט אליין גיזאגט פן נהיה לבוז. מיר וועלן דאס ערקלערן מיט אמשל. אגרויסר נגיד האט חתונה גמאכט זיינעם אזון אמופלג האט דער רב פון שטאט אים ארין גישיקט צו דר חופה אמורנו (וויא דער פאר צייטיגער מנהג) פיינע מליצה מיט אגרויסן טיטול נאר מיט אכוונה איז גיוועזן גישריבן אויף איין אלטן פר קלעקטן שטיקל פאפיר. דעם נגיד האט שטארק הנאה גטאן דר בארימטר טיטול דאך האט אים אבר אין הארצין פר דראסן אויף דעם בזיון פון דעם פר מיאוסטן פאפיר. וואס האט ער גיטאן ער האט איין געוויקילט אגרויסן טארט מיט קאנפעטורן דר צו אויך צעהן רויטע רענדלך אין אשטוציגע טוך און האט אלין ארין גישיקט דורך איין אפ געריסענם איגל צום רב רח"ש. דר נמשל איז יהודהס עצה וועגן מכירת יוסף איז פר גאט ב"ה אפילו גפעליג גיוועזן דען דורך די סבה איז יוסף גיווארן אמלך און יעקב אבינו איז אן גיקומען אין מצרים איז מקוים גיווארן דיא גזירה כי גר יהיה זרעך וגו' נאר ווייל דאס איז גישעהען דורך איינע אכזריות און פאלשקייט און מען האט אפ גינארט דעם פאטר מיט אפר בלוטיגמע העמדיל און דאס האט דאך אים זייער שטארק גיקריינקט. דרום האט אים אויך הקב"ה דר פר באצאלט מיט אטייערע מתנה

עס זאל גיבארין ווערין פון אים מלכים אונ משיח אבער דורך אזו אפראסטע סבה כמעט באופן זנות. אונ אזו שרייבט דער מדרש הקב"ה האט אזו גיזאגט צו יהודה דו האסט גינארט דיין פאטר מיט איינגע ציקעלע דער פאר וועט תמר דיר אויך נארין מיט איינגע ציקעלע. דו האסט צוא אים גיזאגט הכר נא הכתונת בנך היא וגו' דאס איז טייטש דער קען אויב דאס איז דיין זונס העמדל. דרום וועט תמר צו דיר זאגן הכר נא למי החותמת וגו' דר קען וועמס חתימה דאס איז כלומר אטייערין רח"ש אין אשמוציגע כלי:

## הפטרת וישב

רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם דאס טייטש נאר אייך ליב איך פון אלע משפחות וואס אויף דער ערד איז דריבער וועל איך אויף אייך דר מאנן אלע אייערע זינד. איז דאך קשה ווען הקב"ה ליבט יוא די ישראל טוא ווארום זאל ער זיי שטראפן פר אליץ דינג אדרבה עס דארף דאך זיין פר קערט. וועט רעכט ווערין מיט דעם וואס דר מדרש אויך דער זוהר הקדוש שרייבט אין פרשה פנחס אז אלע ברואים האבן גיגעבן פון זייערע כחות אונ מדות צוא שטייער אין דעם מענטשין בעת ער איז באשאפן גיווארן אונ ווייל ער האט אין זיך אליץ ווערט ער אליין אן גירופין עולם קטן אקליינע וועלטיל אונ דאס איז די כוונה פון מדרש בראשית אויף דעם פסוק נעשה אדם וגו' דאס הקב"ה האט זיך מישב גיוועזן בשעת די בריאה פון אדם מיט די באשעפינעם פון יעדן טאג. אונ דרום מיט זיינע מצות גיט ער צו אכח אין די בריאה. פר קערט אבער דורך זיינע עבירות ווערן אלע פר דארבן אונ אים איז נאך ערגר. למשל ווי שותפים גיבן איינעם אבריה געלט אין האנד אויף האנדיל. פר דינט ער איז גוט פר אלעמן ווערט ער אן ליידין אלע. אבר אים אליין איז נאך ערגער ווייל ער האט זיך פארט אוים גישטעלט פר איין הענדלער אונ דער רעכטער גישעפטס פירער. דאס איז דר פשט רק אתכם ידעתי וגו' נור אייך ליב איך ווייל איר זייט איין טייערער חפץ איר האט אין זיך די מדות אונ דיא נאטור פון אלע משפחות דאס הייסט פון אלע ברואים דרום וועל איך אויף אייך דר מאנן אלע אייערע זינד דאס איז גימיינט ווייל מיט אייערע חטאים טוט איר איין רעה אלע באשעפינעם. דרום וועט איר פר זייא אלעמען ליידן. נאך אפירוש קען מען זאגן רק אתכם ידעתי וגו' מיט דעם משל. ארבי האט גילערינט מיט צוויי תלמידים איז גיוועזן שטייגר אז מיט איינם פלעגט ער מדקדק זיין אויף אהאר אונ אויב ער האט עטוואס ניט אזו גוט גיענטפערט אין לערנן האט ער אים גישלאגן אן שום רחמנות. פר קערט דעם צווייטן תלמיד וויא שלעכט ער האט גזאגט איז אליץ ביי דעם רבין גוט אונ רעכט גיוועזן אונ ווען ניט ווען האט ער זיך גיטאן אבייזער אדער אהאנט ארויף גלייגט אויף אים. האט דר ערשטר תלמיד אים מעיז גיוועזן אונ אן גיהויבין מתרעם צוא זיין ווארום אויף זיין חבר קוקט ער מיט אזו אגוטע אויג אונ אויף אים גאר פר קערט פאר די קלענסטע זאך גלייך אפאץ. ענטפערט אים דר רבי דו ביסט גאר אקינד. איך וועל דיר ערקלערן דיין חברס גזע איז פון גראבע ישובניקעס אונ ביז ניט לאנג האט ער זיך גאר גיוואלגערט אויפן ישוב ניט גילערינטערהייד דער צו איז זיין קאפ אויך זייער אפראסטע. דריבער פיל ער ווייס איז אליץ פאר אים גינוג דען וואס קען איך מער פון אים פאר לאנגן. דו אבער וואס דיין שטאם איז פון אייטל רבנים אונ לערנען לערנסטו פון אנפאנג אן אליץ ביי דיא גרעסטע מלמדים אויך ביסטו גיבארין אשארפער בעל מוח. דוא מוזט שוין אומעטום וויסן אונ ניט פעלן אין דיין לערנן אנקודה של יו"ד. אונ וואס מער דו ביסט ביי מיר טייער אונ גישעצטער מער ווערסטו פון מיר באקומן קלעפ פר וואס דו פלייסט זיך ניט צו לערנן דען נור דאס איז דר גאנצר חסרון דיינר. דער נמשל איז די קינדער ישראל מיט די פר צייטיגע אומות העולם. יענע פעלקר זיינן גיבארן גווארן זייער גראב אונ ווילד פון קיין תורה קיין אמונה ניט גיוואוסט. טוא וועלכע גוטעס קען מען פון אזעלכע נידעריגע פינסטערע לייטן פר לאנגן. דרום וויא שלעכט זייא האבין זיך גיפירט דארף כמעט אליץ רעכט זיין אונ דאנקן זייא ווארום זייא האבין נאך ערגר ניט גיטאן. אבער דאס פאלק ישראל וואס שטאמן ארוים פון די היילינגע קלוגע אבות אינ האבן גלייך באקומן די תורה הקדושה אונ דיא ריכטיגע אויף קלערונג פון

אמונה. אויך צו אלעם האבן זיי גיוואוינט אין ארץ ישראל וואס דער ריינער לופט פון יענעם קלימאט האט אויס גיאיידלט די מוחות זייערע אזו וויא די גמרא זאגט אין כתובות אוירא דארץ ישראל מחכים דר לופט פון ארץ ישראל מאכט קלוג דרום האבן זייא זיך שוין גימוזט פירן העכסט צום בעסטן אונ מיט זייא האט הקב"ה מדקדק גיוועזן כחוט השערה הגם ער ליבט זייא זייער וויא השי"ת זאגט דא רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם דאס טייטש ווייל נאר איך ליב אייך צווישן אלע משפחות וואס גיפינען זיך אויף דער ערד איבער די גוטע מעלות וואס איר האט. על כן אויב איר וועט מיר ניט פאלגן וועל איך דר מאנן צו שטראפן אייך אויף אלע אייערע זינד ביז אהאר דען אייך איז זייער לייכט גוט אונ פרום צוא זיין נאר דער גאנצר חסרון איז אייערע ווייל איר ווילט ניט:

## פרשת מקץ

ויהי מקץ שנתים ימים דער מדרש הייבט דא אן מיט דעם פסוק אין תהלים אשרי הגבר אשר שם יי' מבטחו גליקליך איז דער וואס האט בטחון אויף גאט דאס איז גימיינט יוספן. שטייט ווייטר ולא פנה אל רהבים אבר ער האט זיך ניט בעדארפט קערן צוא די בעלי גאוות ווארום ווייל ער האט גיבעטן דעם שר המשקים צוויי מאל ער זאל אים דר מאנן פר פרעה וויא עס שטייט סוף וישב כי אם זכרתני וגו' אויך שטייט והזכרתני אל פרעה וגו' דרום איז ער גיבליבן זיצן אין תפיסה מיט צוויי יאר מער דען ער האט גיזאלט נור זיצן צעהען יאר אונ איז גיזעסין צוועלף יאר. אלע מפרשים פרעגן אויף דעם מדרש ער הייבט אן לויבן יוספן אונ צום סוף שענט ער אים נאר. מיט אמשל אבר וועט די קשיא מתורץ ווערין. איינער אגרויסער שררה וואס האט גיהאט זייער פיל גיטר אונ שטעט האט ער אוועק גשיינקט איין קליין שטעטל זיינם אגוטן פריינד. אמאל האט איינר אגעוויסר מענטש ביי דעם שררה נושא חן גיוועזן אונ האט אים ארויש גיגעבן אפאפיר דאס אין וועלכן ארט ער וועט וואוינן אונטר אים זאל ער פטור זיין פון אלע אפ צאלונגן האט ער זיך באזעצט אין יענעם קליינע שטעטליאונ אז דר האר פון די שטעטל האט גימאנט צינז האט ער אים גיוויזן דעם פאפיר פון שררה רופט זיך אפ דר האר צו אים אזו יוא דו וואלסט פטור גיווען אויב דו וואלסט גיוואוינט אין אנדרע מקומות זיינע. אבר די שטעטיל האט דער שררה איין מאל אוועק גיגעבן דרום בין איך דא דר בעל הבית אונ וויא איך וויל אזו קען איך טאן. דער נמשל איז אזו די בחירה פון אלע ברואים ליגט אין גאטס האנד נאר דעם מענטשן האט הקב"ה אים אליין אוועק גיגעבן די בחירה דאס וויא ער וויל אזוא זאל ער קענן טאן גוט אדער שלעכט חלילה אויך שרייבט דער רבינו בחיי אין ספר חובות הלבבות דאס עיקר בטחון הייסט מען זאל זוכין אסבה צוא פרנסה ענטוועדר אויס לערנען זיך אמלאכה צו גאר אגישעפט אונ דר צו האבן בטחון אז השי"ת וועט דורך דעם צו שיקן חיות אבר ניט זיצן אונ ווארטן דאס הקב"ה וועט אראפ ווארפין פון הימיל פארטיגע. די זעלביגע זאגין אויך די חכמים ז"ל אין ספרי גאט ב"ה זאגט וברכתיך איך וועל דיר בענטשן מיינסטו אפשר אפילו זיצינדיג ליידיג דרום שטייט בכל אשר תעשה דווקא ווען דוא וועסט עפעס וואס טאן. אויך שרייבט די גמרא אין ברכות פיל לייט האבן גיטאן וויא רבי שמעון בן יוחאי דאס הייסט נור גילערנט תורה אונ אין דר וועלט זאכין גאר ניט גיטאן האבין זייא טאקע ניט אויס גיפירט נאר דאס איז אלין גירעט ווען ער קלייבט זיך אויס פאר אסבה צוא אפרנסה אזעלכע זאכין וואס זייא היינגען ניט אפ אן אמענטשן ווייל פון אלין דינג ליגט דאך זייער בחירה ביי גאט ב"ה אין האנד דעריבער הייסט דאס ער האט בטחון אויף אים אבר ניט ווען זיין סבה ווענדט זיך אן אמענטשין למשל אדינגער וכדומה דען אזו אמין סבה הייסט שוין ניט בטחון אין הקב"ה נור אויף זיין בעל הבית ווארום וויא זיין בעל הבית וויל אזו קען ער מיט אים מאכין ווייל דיא

בחירה איז דאך אפ גיגעבן גיווארן צו אים סייא אויף גוטעס סייא אויף שלעכטעס וויא ירמיה הנביא ע"ה זאגט ארור הגבר אשר יבטח באדם ושם בשר זרועו ומן ה' יסור לבו דאס טייטש פר פלוכט איז יענר וואס זיין בטחון איז אויף איין מענטשין ווייל זיין הארץ כלומר זיין בחירה איז אפ גיטאן פון גאט אונ דרום איין עבד עברי וואס וויל ניט ארויס גיין פון זיין הארן פריי קומט אים צו בויערן דעם אויער ווייל דר אויער האט גיהערט אויף דעם בארג סיני דאס הקב"ה האט גיזאגט דיא קינדער ישראל זיינן מיינע קנעכט אונ נאר איך בין זייער האר דאס איז גימיינט פון מיין האנד וועלן זיי גישפייזט ווערן אונ דר מאכט נאר אמענטשין פר אהאר איבר זיך היינו ער האט קיין בטחון אז איך קען אים צו שיקן חיות פון זיין אייגנע שטיקיל גישעפט אונ מיהעט זיך גישפייזט צו ווערן פון אבשר ודם האנט דרום קומט אים צוא בויערן זיין אויער אזו שרייבט די גמרא אין קידושין דאס איז דיא כוונה פון מדרש אשרי הגבר כו' היינו יוסף הצדיק האט טאקע גיהאט באמת בטחון אויף הקב"ה נור דער מיט האט ער פר זעהן די סבה צו זיין ישועה האט ער גימאכט דורך איין מענטשין וואס אים האט מען אוועק גישיינקט די שטעטיל כלומר די בחירה אונ ווייל דאס איז שוין ניט קיין ריכטיגר בטחון אין השי"ת וויא עס איז שוין פריער ערקלערט דר פר איז ער גישטראפט גיווארן מיט נאך צווייא יאר גיפיינקענעס :

ופרעה חולם והנה עומד על היאור פרעה חלומת זיך אז ער שטייט אויפן טייך . דער מדרש שרייבט שלמה המלך זאגט אין קהלת כי בא החלום ברוב ענין אין אחלום איז דא פיל ענינים דרום האט פרעה גיפרעגט ווער וועט גרויס ווערן דורך דעם חלום צו איך איבער מיין גאט כלומר צו עס ווייזט אויף מיר צו גוטין וועל איך גרויס ווערן דורך מיין גאט (דאס איז דער טייך נילוס וואס ער האט צו אים גידינט) . אדר מיין גאט איבר מיר כלומר עס ווייזט שלעכץ אויף מיר וועט גרויס ווערן דר נאמן פון מיין גאט וואס ער משפט מיך . כדי צו פר שטיין וויא אזו עס פאסט דא דר פסוק פון קהלת וועלן מיר מקדים זיין אמשל . אקרעמר איין אגולניק פלעגט זיין שטייגר זיין צו לערנען אין קלויז ביז האלבן טאג . אמאל איז גיקומען איין אורח אים צו פרעגן . ענטפערט די ווייב ער איז ניטא אז דר מאן איז גיקומען אונ זיא האט אים דר ציילט האט ער זיך שטארק גיבייזערט ווארום זיא האט אים ניט גירופין דען גיוויס האט ער אן גיווארן אגרויסן עסק. ווידר אמאל איז גיקומען איינר האט זיא תיכף גישיקט אים רופין אונ ער איז גיקומען צו פליהען פון קלויז אונ האט דעם מענטשן פריינדליך צו גינומען אונ מכבד גיוועזן אונ דר נאך אז ער האט אן גיהויבן ריידן מיט אים אין מסחר האט דר אורח אן גיהויבן ערקלערין זיין גאנצן יחוס משפחה אונ בארעכנט דאס ער איז זיינר אנאהענטער קרוב אונ ער איז אמאל גיוועזן אסוחר אונ איצט האט אים גאט גישטראפט אונ איז גיווארן איורד דרום איז אויף אים מוטל ער זאל אים אויס העלפין מיט אביסל סחורה זיינע אפשר וועט השי"ת אים אויף ריכטין דער פון . דעם קרעמער איז אפילו גיווארין זויער אויפין הארצין דאך האט ער גימוזט ממלא זיין יענעמס רצון אונ דער קרוב איז זיך אוועק בשלום . דא האט ער אן גיהויבן שרייען אויף די ווייב פר וואס זיא האט אים אראפ גיבראכט אויף אזו איין אונגליקליכן לייזונג אונ אז זיא האט זיך גינומען פר ענטפרן דאס ער אליין האט דאך אזו אמאל אן גזאגט האט ער נאך מער גשריען אונ זאגט מען מוז אפריער גוט אויס פארשטן ביי דעם אורח ווער אונ וואס . דאן זעהט מען אויב עס איז פר אונז אטובה איז גוט אונ אקבלן ענטפרט מען גאר ניט . דאס מיינט דער מדרש כי בא החלום וגו' כלומר ווייל אחלום קען ווייזן אויף פר שיידענע זאכין היינו אויף גוטס אדער שלעכץ דרום האט פרעה גיפרעגט אפריער

ביא יוספן ווער װעט דר הויבן װערן דורך
דעם חלום איך אדער מיין גאט . ער מיינט
צו וייזט אויס אויף גוטס פר מיר דאן איז
רעכט אז ניט שווייג נאר. האט יוסף געענטפרט
דוא װעסט ערהויבן װערן איבער דיין גאט
היינו ער וייזט אויף גוטעס וויא עס שטייט
אלהים יענה את שלום פרעה גאט װעט ענטפערין
פרידין צו פרעה :

ויִשְׁלַח פרעה ויקרא וגו' ואת כל חכמיה וגו' ואין פותר
אותם לפרעה ער האט צו זאמן גרופן אלע חכמים
אונ קיינר האט ניט פותר גיװען צו פרעה .
דער מדרש זאגט זייא האבן יוא פותר גיװען
נאר עס איז אים ניט גיפעלן גיװען . זיי האבן
גיזאגט דר חלום באטייט זיבן טעכטער װעסטו
האבן אונ זיבן טעכטער װעסטו באגראבן .
זיבין מדינות װעסטו איין נעמען אונ זיבין
מדינות װעלן אנטקעגין דיר מורד זיין . אזו
וויא דער פסוק זאגט אין משלי בקש לץ חכמה
ואין דר לץ זוכט חכמה אבר עס איז ניטא .
דאס איז גימיינט פרעהס חכמים ודעת לנבון נקל
אונ דר פר שטאנדיגר פר שטייט גרינג וויסן
שאפט דאס איז יוסף . נור אלץ קשה װארום
האבן זיי בעסר ניט גיזאגט פשוט וויא יוסף .
אויף גוטע אונ שלעכטע יארין וייל אין
זאטע צייטין זעהען אויס די לייטין שיין אונ
זיינן גוט צווישין אנאנד וויא די שיינע קיא
אונ גוטע זאנגן פר קערט אין הונגער יארין
עסט איינער דעם צווייטין אונ דאך בלייבט
מען הונגעריג אונ אויס גיצערט אזו וויא די
מאגערע קיא אונ דארע זאנגען וויא רש"י
מאכט. בפרט אז די תורה רופט זייא חכמים
מן הסתם זיינן זייא גיװען גרויסע גילערינטע
אין דעם פאך . דר תירוץ איז אזו למשל איין
שררה האט גיהאט איין נארישין בן יחיד
האט ער אים גישיקט קיין פאריז לערנען
עטװאס אחכמה. דען ער װעט דאך פארט
זיין דער יורש זיינר . מיט דער צייט איז ער
אראפ גיקומען מיט אפאפיר דאס ער האט
אויס גילערנט דיא חכמת המדידה אונ קען
טרעפן װאס איינר האלט אין אפאר מאכטע

האנט . דער פאטר האט זיך מיט דעם זייער
גיפרייט אונ גימאכט לכבוד אים אמאל צייט
פר די חכמים אונ האט גיבעטן מען זאל אים
פרובירן . האט איינר פר קװעצט אין פויסט
אפינגעריל אונ האט אים גיװיזין . האט ער
גוט בטראכט אונ זאגט דא ליגט אקיילעכדיגע
זאך אונ אין מיטן אלאך גיװיס איז דאס אמיל
שטיין . איז גיװארן אגרויסער גילעכטער .
דען נאר דיא כללים פון די חכמה האט ער
גיװאוסט אבר דאס אלין קען ניט העלפן ווען
מען האט ניט אליין שכל צו באטראכטן יעדר
זאך וואו עס פאסט . דא איז אויך אזו . עס
איז ידוע אז נבואה פון פורעניות װעלכע עס
וייזט אויף אלאנגע צייט ארום פלעגט הקב"ה
זאגין דעם נביא מיט הויכע מליצה װערטער
אונ משלים פר שטעלטרהייט די אמתע כוונה
כדי אויב דר עולם װעט מיט דר צייט תשובה
טאן װעט ער קענען די זעלביגע רייד איבער
לייגן צו גוטן . אבר ווען ער װאלט זאגן מפורש
מוז שוין גאטס װערטער תיכף מקוים װערן
לרעה חלילה . אבער אנבואה אויף באלד
פלעגט ער צו זאגין דעם נביא מיט פשוטע
װערטר אונ דייטליך . אריכטיגע ראיה גיפינן
מיר אין יחזקאל אין אן פאנג האט השי"ת
גיזאגט צוא אים מיט דעם לשון שים פניך דרך
תימנה וגו' קער דיין פנים צו דרום זייט אונ זאג
דאס אפייער פון דארטן װעט פר ברענן דעם
װאלד נאך דעם וויא ער האט זיך גיקלאגט
דאס די ישראל לאכין פון אים פאר װאס ער
זאגט אלץ מיט משלים איז הקב"ה גיװארן אין
כעס אז זייא זיינען אזעלכע כפויי טובה אונ
האט שוין גיהייסן יחזקאל זאל זיי אויס טייצן.
דר מלך בבל װעט קומן חרב מאכין ירושלים
מיט דעם בית המקדש אונ גאנץ ארץ ישראל
דאס הייסט די פורעניות װעט גיך קומן. דאס
זעלביגע אחלום װאס ער איז אזעכציג טייל
פון נבואה וויא אונזערע חכמים שרייבן אין
ברכות איז אויך אזו . ווען ער װעט ווירקן אין
אלאנגע צייט ארום דאן חלומות זיך מיט פיל
דמיונות אונ שװער צוא פאר שטיין דעם

באדייטונג. אונ אויב אויף תיכף זעהעט מען אפשוטע מעשה גרינג צו פאר שטיין. דיא חכמי מצרים האבן אבר דר פון ניט גיוואוסט אונ קיין איינעם שכל האבן זיי ניט גיהאט וויא איין צו פאסן נור נאך די כללים וויא זיי האבן גילערנט אין די חכמה אזו האבן זייא גיוואלט דעם חלום אויך ערקלערן מיט ווייטע כוונות. דרום אנשטאט אפינגערל איז ביא זיי נאר ארויס גיקומען אמיל שטיין. אבער יוסף וואס ער האט גיהאט פר שטאנד אפ צו זארטירן דעם חלום פון גיוואוינליכע חלומות. אונ דאס מגלה גיוועהן פרעהן מיט די ווערטר אשר האלהים עשה הראה את פרעה וגו' כי נכון הדבר וגו' וממהר האלהים לעשותו כלומר ווייל דר חלום וועט באלד מקוים ווערן דעריבער ווייזט דיר גאט ריכטיג וואס ער טוט דורך אפשוטין חלום גרינג צום פאר שטיין. דרום האט ער פותר גיוועהן אין פאך. אויף זיבן זאטע יארן אונ זיבן הונגער יארן. בדרך דמיון אייגער וואס זוכט האסטיג אין קעסענע זיין געלט אונ גיפינט ניט. זאגט איינער גייא זוך דארטן אין סוף שטאט וואו דוא ביסט היינט גיוועהן אונ יענר זאגט גייא דארטן ביז אגלייכר בעל שכל קומט אונ זאגט פרובירנאר זוכין אין בוזען אדר אין איין אנדר קעסענע אונ ער גיפינט טאקע. דאס זאגט דר מדרש ב"ק לך וגו' ווייל זיי האבין גיזוכט אפתרון צו דעם חלום אין ווייטע דרכים וויא ביא אלע חלומות דרום האבן זיי ניט גיטראפן ודעה לנבון נקל אונ יוסף וואס ער האט פר שטאנן פון די איינפאכע געשיכטע דאס דר חלום איז ניט גלייך צוא אלע האט ער פשוט אונ לייכט ערקלערט. אונ פרעה גופא איז אויך דעריבער גלייך גיפעליג גיווארן זיין באשיידונג:

ועתה ירא פרעה איש נבון וחכם וגו' וייטב הדבר בעיני פרעה ובעיני עבדיו יוסף זאגט פרעה זאל זעהען איינעם אקלוגן מאן ער זאל צוא נויף זאמלען תבואה אין די זיבן זאטע יארן אויף דיא הונגער יארן אונ די עצה איז גיפעליג גיווארן פרעהן אויך אלע קנעכט זיינע. דר עולם פרעגט אקשיא יוסף גיט איין עצה אין אזו אאינטערעס וואס מען פרעגט אים גאר ניט. ווידער וואס מאכט אונז אויס צו דיא קנעכט איז גיפעלן אדר ניט אבי דער מלך האט זיין עצה אן גינומן. די קשיא ווערט מתורץ מיט אמשל. אפרינץ איז גיוועהן זייער גפערליך קראנק דאס אלע גרעסטע דקטורים האבן אים שוין אפ גיזאגט דעם לעבן האט זיין פאטר דער קייזר גילאזט פובליקירן אין דער גאנצר מדינה אז ווער עס וועט עטוואס ארפואה אדר אסגולה ווער עס איז אים פרייא צו קומען זאגן. דארטן אין די הויפט שטאט האט גיוואוינט אייגער איין אויס גיצייכנטער דאקטער ער האט שוין פריער באקלערט אגעוויסן מיטל פאר דעם בן מלך נור ווייל ער האט קיין מזל גיהאט אין זיינע דאקטעריי דאס ער זאל נתפרסם ווערין אונ איז גיוועהן זייער גימיין דרום האט ער ביי זיך קיין מוטה ניט גיהאט צו פארשטעלן זיך אלם רעטירר פון פרינץ ביז ער האט דר ווארט די גליקליכע שעה. ער איז אריין אונ בעטראכט דעם קראנקן דאס זיין רפואה איז נאר אזעלכי מיני פראסטע גראזין וואס וואקסין פול אין אלע פעלדר ער האט אבר מורא גיהאט פאר דעם קייזערס דקטורים וואס זייא האבן אים גיקורירט אונ אויס גיגעבין דיא טייערסטע מעדיצינען אונ דאך ניט גיווירקט פילייכט וועלן זיי זיך מתקנא זיין אונ מאכן צו גיסט אזו אקבצן וויא ער איז מיט זיין גוטן מיטיל פאר דעם קייזר אין די אויגן על כן האט ער אן גיהויבן אזו צו זאגן אדוני קיניג מיר איז איין גפאלן אין מוח אגעוויסע באבסקי רפואה די אונ די בוואוסטע שפעצעס נאר מען מוז האבן אנשיקטן העמיקר אוויכטיגן פראפעסר ער זאל ארויס ציהן פון זייא אזו אמין אמענס אונ קינסטליך רעכט מאכן דאס אונ אויב דו וועסט באקומען אזו אמאן איז ער ווערט כל הכבוד וגדולה דען דיין זון וועט גיווים גיזונט ווערן דר פון. אונ מחמת יעדר דאקטר האט גרעכינט אויף זיך דאס נור ער איז פעהיג דר

צו אונ בודאי וועט דר קייזער אים בוחר זיין
צו דעם גליקליכן ארבעט האבן זיי אלע איין
געשטימט צו זיין מיטיל דר ווילע האט ער
זיי דאמיט משחד געווען האט זיך דר קייזער
אפ גירופין ווען דו קענסט איין פאלן אויף
אזו אוואונדערליכע רפואה גיפין איך קיין
אנדער פריוויזאר אין דר וועלט דר צו נאר
דו אליין. די זעלבינע איז מיט יוסף ער האט
זיך גיטראכט אזו איך וואס איך בין גיזעסן
אין תפיסה זאל איך זיך אנידר שטעלן זאגן
אבאבסקן פתרון אויף פרעהס חלום פר אלע
זיינע חכמים אין די אויגן וועלכע זייא זיינען
שוין לאנג מיד גיווארן ריידינדיג ווייטע אונ
טיפע באשיידונגן אויף דעם חלום גיווים וועלן
זיי זיך מתקנא זיין אונ מאכין מיינע רייד צו
גיסט דרום האט ער באלד זייא דער לאנגט
ווירויך שמעקן דאס הייסט די עצה דאס דר
הויפט מוז מען האבן דער צוא אגרויסן חכם
אקאמיסר וואס זאל וויסן גוט איין צו ארדענן
מאגאזינעס האט דאך יעדר חכם אונ מניסטר
גימיינט אויף זיך ער איז דער גרעסטר פאר
שטאנדיגר אונ אים מיינט מען דאס אונ האבן
אלע מיט איין קול מסכים גיוועזן אויף זיין
פתרון האט פרעה זיך אפ גירופין אחרי הודיע
אלהים אותך וגו׳ אז גאט ב״ה האט דיר מגלה
גיוועזן אזו אזאך גיפין איך ניט קיין בעסערן
אונ קלינגסטין מיניסטער אז דיר אליין :

## הפטרת מקץ

אז תבאנה שתים נשים זונות וגו׳. ויאמר המלך זאת
אומרת זה בני החי ובנך המת וזאת אומרת לא כי בנך המת
ובני החי וגו׳ דאס הייסט שלמה האט איבר גיחזרט
די רייד פון די צוויי ווייבר אונ זאגט אזו. די
זאגט דער לעבעדיגר זון איז מיינער אונ דער
טויטער איז דיינר. אונ די אנדרע זאגט דיינר
איז דר טויטער אונ מיינער איז דר לעבעדיגר.
דא איז צו פרעגן איניגע שאלות ערסטנס וואס
האט זיך עפעס גיוואלט דיא פאלשע מוטער
האדווען אפרעמדע קינד בפרט אפרוצה(אזונה)
וועלכע וויא גווינליך האט ביי אזו אלייט אקינד
קיין באטרעף ניט. צווייטנס פר וואס די ריכטיגע
מוטער האט אפריער אן גיהויבין צו טענן ווענן
דעם לעבעדיגן קינד אונ דיא פאלשע מיט דעם
טויטין. דריטינס אין זייערע ביידינס טענות
שטייט ניט דער מאנט דר ווארט זה (דיזר) אונ
אז דער מלך חזערט איבר שטייט שוין יוא אין
דיא מוטרס רייד זה. פערטנס ווארום דארף דר
מלך איבר זאגן וואס די זונות האבן גירעט. דר
תירוץ איז ניט דיא פאלשע האט גימיינט צוא
באקומן דאס לעבעדיגן קינד נאר דר עיקר האט
זיא ניט פר גונען ער זאל בלייבן ביי די מוטר
אונ זיא האט פר לאנגט ער זאל אויך אומקומען
וויא אירר אונ וייל די ריכטיגע מוטר האט אים
גיהאלטן אויפין האנט דרום איז דר שכל מחייב
בעסר איר צו גלויבן דריבר דר מאנט שלמה זה
כלומר דיזר קינד וואס זיא האלט ביי זיך אויך
איבער דעם וואס פון די מוטערס מויל האט זיך
ארויס גיהאפט אפריער דר ווארט לעבעדיגר אונ
פון די אנדרע טויטר האט ער פר שטאנען וועלכע
זאגט אמת וויא דער אלטר שפריך ווארט זאגט
וויא בוימיל אויף וואסר אזו קומט באלד ארויף
דער ריינער אמת פון אויבן אונ דרום חזערט ער
איבר זייערע טענות ווארט אין ווארט זאת אומרת
זה בני החי וגו׳ וזאת אומרת וגו׳ בנך המת כדי צוא
ערקלערן דאס דר פון שליסט ער זיך דעם אמת
נור כדי צו באווייזן פר די פובליק אפראבע האט
ער בלומערסט גיהייסן צו שניידן דאס קינד דאן
האט דיא פאלשע אויף דעם איין גישטימט אונ
גיזאגט איר ניט אונ מיר ניט. שנייט. אונ דיא
מוטער האט בעסער גיהייסין די מרשעת אוועק
געבין נאר מען זאל אים ניט אום ברייגען דא
האבן שוין אלע גיזעהן די חכמה פון שלמה :

דיא הפטרה פון שבת חנוכה איז די זעלביגע הפטרה פון
פרשת בהעלותך :

## פרשת ויגש

ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדוני דער מדרש
שרייבט יהודה האט אזו גיטענת מיט יוסף
בייא את מעביר עלינו כוי דאס טייטש דו מיינסט
נור צרות אונ ויי צו טאן אונז דען לויט אונזר
תורה ווען אגנב האט ניט צוא באצאלן דאן
פר קויפט מען אים פר אקנעכט אבר בנימין
האט דאך יוא צו באצאלן. די שאלה איז די
שבטים האבן דאך יוסף גיהאלטן פר אמצרי
גוא האלט ער ניט פון אונזר תורה (דאס האט

אײנער גיפרעגט דעם דובנר ז"ל און געבעטין ער זאל תיכף מאכין רעכט אן משל און אן מדרש). און דאס איז דיא תשובה זיינע. אניזעין וואס דער שכל איז מחייב פון דאס האלטן אלע פעלקר אויך. דען זייערע זאקאנס זיינן גיבויט אויף אויף שכל. אונזער תורה הקדושה זאל זיין איר מקור איז פון הימל אבער דער שכל איז אויך מסכים אויף אלע אירע דינים וויא שלמה המלך ע"ה זאגט אין משלי כלם נכוחים למבין וגו' דר מבין פר שטייט וויא ריכטיג אלע מצות זיינן דר דין אבער צו פר קויפין איין גנב פר איין קנעכט איז אין פלוג געגין דעם שכל דען ווער וועט וועלין קויפין און ארײן לאזין אין שטוב אזו א גנב מפורסם. נאר די מעשה איז יענר האט מן הסתם נעביך גיגנבת אויס נויט און ביי דעם נסיון פון הונגר חלילה קען קיינער ניט בייא שטיין אז אין משלי איז גיזאגט לא יבוזו לגנב וגו' כי ירעב מען טאר ניט מבזה זיין דעם וועלכר ער גנבעט נור אויס הונגר און נויט על כן אז ער וועט האבין עסן ביי זיין בעל הבית וועט ער שוין געוויס ניט מעהר גנבענן און אויף אזעלכן וועלן זיך גיפינען בוודאי גינוג בעלנים אים צוא קויפן. אבער דעם וואס פעלט ניט בפרט ווען ער איז נאך רייך אויך און גנבעט ער ווערט אן גירופין אריכטיגער גנב אזעלכן וויל געוויס קיינער ניט האלטן פאר אקנעכט דאס טענעת יהודה. בנימין איז רייך און נאך דיינע רייד נאך ווייזט אויס אז ער האט גנבת דעם בעכער און דאך נעמסטו אים צוא פאר אקנעכט דר פון פר שטייט מען דאס איז נור אבלבול כדי ווי צו טאן אונז און דעם ווארט פי טייטשט דער מדרש וויא תרגום לשון ווייא ווייא און טרויער:

ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו דיא ברידר האבן ניט גיקענט ענטפערן יוסף דען זיי זיינן דער שראקן גיווארן פאר אים. אין מדרש שטייט אבא כהן ברדלא זאגט ווי איז אונז פון יום הדין יוסף דער קלענסטער פון די שבטים האבן די אים ניט גיקענט ענטפערן אויף זיינע שטראף רייד אפשיטא שוין ווען הקב"ה וועט מיט יעדערין אויכוח האבין לפי מה שהוא דאס טייטש וויא ער איז. אז השי"ת זאגט אוכיחך ואערכה לעיניך איך וועל מיט דיר אוויכוח האבן. אום צו פר שטיין דעם מדרש גרונטיג וועלן מיר מקדים זיין אמשל. אסוחר איז שולדיג גיוועזן אסך געלט האבן די בעלי חובות אים גירופין צום משפט ער האט זיך גיהאלטן איין עצה מיט גוטע פריינד האבין זיי צו אים גיזאגט דו קאנסט דאך ניט לייקענן אז דו ביסט ניט שולדיג. און צוא צאלן אין גאנצן ביסטו ניט אין שטאנד דרום איז דאס בעסטע דו זאלסט טענן אין לי דאס הייסט דו זאלסט זאגן אז דו האסט ניט צו צאלן דאמיט וועסטו מיט אמאל פטור ווערן און רוהיג זיין. דיא עצה איז אים גיפעליג גיווארין און פון שמחה האט ער זיך אויס גיפוצט און אוועק גיפארן אין אקארעטע צום דין און האט אן גיהויבן צו קלאגן און טענן פר דעם דיין וויא אומגליקליך ער איז גווארן פון זיינע געשעפטן און פר מאגט ניט קיין פרוטה צו צאלן חובות. רופט זיך אפ דר דיין אזו זאלעווען זיך פאסט נור פר אבארוועסן און אנאקעטין אבער ניט פאר דיר וואס דו גייסט אזו רייך גיקליידעט און גיקומען אויף א טייערע פאר פערד דיר העלפט קיין ביט און קיין בעט ניט דוא מוזט באצאלן. מיט אונז אידן איז אויך אזו דאס רוב וואלטן מיר וועלן לערנען תורה און פרום זיין נאר די ארמקייט און דאגות הפרנסה פר דרייט דעם קאפ און דרום טוט הקב"ה מיט אונז חסד און נעמט אן אונזערע עבודה פאר גוט אבער דר הויפט פעלר איז וואס דער יצר הרע פר בלענדעט די אויגן און ווייזט אויף דיא הארבסטע עבירה פיל התירים און תירוצים און מען רעט זיך איין פר אגירעכטער און פר אפיינר בריה אזו שרייבט דער פסוק אין משלי כל דרך איש ישר בעיניו איטליכן גיפעלט וויא ער פירט זיך אפראבע אבער איז ווען דר חבר טוט די זעלביגע זאך באריידן מיר אליין אים דער פאר ווייל כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי

עצמו כלומר אין זיך גיפינט מען קיין פעלר ניט
אויסר אויף דעם צווייטן למשל מען איז ניט
גוט אונ ניט פרום קיין תורה קיין עבודת השם
קיין צדקה ווייל מען שרייט עס איז זייער
שלעכט דיא צייט אונ מען איז נאר איין
גישפארט אין דעם יאך פון חיות זוכין אבער
לאמיר ניט פר געסן פיל שעה פאר גייט אין
דברים בטלים אונ ליצנות פיל געלט פאר
שווענדין מיר אויף הוילע כבוד גאוה אונ
פוסטע זאכן. אויך די היילינע שבטים זיינן
ביי זיך נירעכט גיוועזן מיט מכירת יוסף וויא
עס שטייט גשריבן אין מדרש נור אבר איצטער
וויא יוסף האט זיך מתוכח גיוועזן וועגן דעם
מיט זיי דאן האבן זיי גוט פר שטאנן דאס עס
איז ניט וויא זיי האבן גימיינט אונ דרום האבן
זייא אים ניט גיהאט וואס צו ענטפערין אויף
דעם. דאס זאגט דר מדרש מה דאך זיי האבן
ניט גיקענט ביא שטיין אנטקעגן יוספס
שטראף רייד טוא וואס פר אצורה וועלן מיר
שוין האבן אויף יענר וועלט צום יום הדין אז
הקב"ה וועט יעדערן געמן אויף ווייזן לפי מה
שהוא היינו וויא אין אמתן איז די מעשה מיט
אים ניט וויא דער יצר הרע האט אים איין
גירעט אונ צו גיצויגין דאס הייסט אויב דוא
ביסט יוא אזו ארעם אונ פר דרייט שטענדיג
דאס צוא ליב דעם קענסטו ניט מקיים זיין
אמצוה וויא נהעריג איז טוא פר וואס האסטו
צייט אויף אלע נארישקייט אזו פינקטליך
צו טאן אונ איבער דעם וועט מען הייסין
צאלין אלע חובות דאס הייסט מען וועט
שטראפין פאר יעדער חטא באזונדער אן
אשום תירוץ:

ועתה אל תעצבו וגו' כי מכרתם אתי הנה כי למחיה
שלחני אלהים לפניכם וגו' ועתה לא אתם שלחתם אתי הנה
כי האלהים. יוסף זאגט צו די ברידער איך זאל
ניט פר דריסן דאס איר האט מיך פר קויפט.
דען גאט האט מיר אהער גישיקט כדי איך
צוא דער נערן דען ניט איר האט מיר אהער
גישיקט נור גאט. די מפרשים פרעגן וואראום
חזרת ער איבער נאך אמאל דיא זעלבינע
רייד. דאס ווערט מתורץ מיט א משל. אדוכס
האט גיהאט א טייערין בורלאנט האט זיך
גיטראפן א סיבה עס איז גיווארין אין רעכטן
מיטן א פצערב אונ קיין מייסטער האט קיין
עצה ניט גיהאט וויא צוא פאריכטין דאס.
אמאל איז גיקומען איינער איין בארימטער
קינסטלער אונ האט גיזאגט איך וועל מאכין
דאס אונ אויסער וואס דיא פגימה וועט קיין
חסרון ניט זיין וועט נאך אדרבה דיין בורלאנט
נאך ווערן פיל טייערר. וואס האט ער גטאן
ער האט אויס גיקריצט אין אים דעם דוכס
נאמן אונ ארום אים אויס גישטאכין שיינע
קווייטן שניץ ווערק אונ אויס גמארקירט אז
די שטריכן פון די קווייטן זאל אויס קומען
אין דעם ארט פון פצערב. דרום איז שוין
מער ניט קענטיג גיוועזן דר חסרון אונ דורך
דעם איז דער בורלאנט שענער אונ טייערר
גיווארן. דער נמשל איז די גמרא זאגט אין
שבת בשעת שלמה המלך האט גיוואלט
ארייין ברייננען דעם ארון הקודש אין בית
המקדש האבן זיך דיא טויערין צו גישלאסן
אונ אלע תפלות זיינע האבין ניט גיהאלפין
ביז ער האט דער מאנט דעם זכות פון דוד
דא האבן זיך דיא טויערין גיעפינט אונ אלע
האבן פר שטאנן אז הקב"ה האט אים מוחל
גיוועזן דעם חטא פון בת שבע. אונ זיינע
שונאים פעניטער איז שווארץ גיווארן פון
שאנד אויף דאס האט שלמה גיזאגט אין
קהלת ושבח אני את המתים וגו' דאס טייטש איך
לויב די טויטע בעסר אז די לעבעדיגע. דר
פון ווייזט אויס אז דורך דעם חטא פון בת
שבע איז דוד נאך גרעסר גיווארן. אונ וויא
דר שכל ווייזט דאכט זיך גלייכר אז ער וואלט
אויף זיך דעם חטא ניט גיהאט. למשל ווען
עס מאכט זיך ארים אין א טייערן בגד. זאל
זיין מען פאר נייט איידיל אז עס איז ניט אזו
קענטיג אבער בעסר איז ווען עס רייסט זיך
גאר ניט איין. נאר די מעשה איז דאס. די
גמרא זאגט אין שבת דער וואס זאגט דוד
האט גיזינדיגט איז א טעות. דען עס האט

זיך מן השמים מיט אים אזו גימאכט כדי מען
זאל וויסן אז תשובה העלפט יעדערן היינו
פון זיין חטא איז ארויס גיוואקסן אהויבער
ענין . דאס הייסט ער האט גיבראכט דיא
וועלט צו תשובה . נמצא ביא דעם גרויסן
צדיק ווירט אמאל דר סצערב פון חטא פאר
[illegible] אויף אתיקון אונ אמעלה . די מכירת
[illegible]ף האט אויך הקב"ה מסבב גיוועזן דורך די
היילגע שבטים כדי אריין צוא פירין יעקב
אבינו מיט דיא קינדער אין מצרים עס זאל
מקוים ווערן דיא גזירה כי גר יהיה זרעך וגו' דרום
איז זיי יוסף מנחם ועתה אל תעצבו וגו' שלחני אלהים
וגו' אייך זאל ניט קימערין ווארום דער פון
נאקסט פאר אייך אטובה כדי אייך צו דער
נערין אונ ניט מיינט ווייל אין אן פאנג האט
איר דאס גיטאן מיט איין עולה וואלט אפשר
גלייכר גיוועזן אז דאס וואלט גאר ניט גישעהן
זאג איך אייך לא אתם שלחתם וגו' כי האלהים וגו' רדה
אלי וגו' כלומר הקב"ה האט דאס אין אנפאנג
אזו גימאכט כדי דר פאטר זאל אהער קומען
אונ מיט אייער חטא האט איר גאר גיטאן
אגרויסע פעולה . וויא דר חסרון פון בורלאנגט
איז גיוועזן אסבה ער זאל ווערין אדרבה
טייערער אונ שענער :

ואתה צויתה זאת עשו קחו לכם מארץ מצרים עגלות
וגו' ויתן להם יוסף עגלות וגו' וירא את העגלות וגו' ותחי רוח
יעקב אביהם דאס הייסט פרעה זאגט אן יוספן
ער זאל הייסן די ברידר נעמן וועגן פון מצרים
אונ ברייגגען אהער יעקבן מיט דיא גאנצע
גיזינד דען די גוטס פון מצרים איז פאר זיי .
האט יוסף זייא גיגעבין וועגין מיט פרעהס
באפעל . וויא יעקב האט דר זעהן די וועגן
איז ער גאר לעבעדיג גיווארן . דעם ענין
דארף מען ערקלערן ווארום האט דאס פרעה
גימאכט אזו אגרויסן וועזין פון דיא וועגין
אונ האט אליין גיהייסן געבין אונ צו וואס
שטייט ווידער איבר גיהאזערט דאס יוסף
האט געגעבן מיט זיין בפעל . אויך איז אוואונדר
וואס יעקב האט זיך אזו דר פרייט מיט דיא
וועגן . שוין האט ער ניט גיקענט באקומען
פורין אין לאנד בגען אראפ צו פארין קיין
מצרים . אויך איז אוואונדר וויא פאסט פאר
יעקב אבינו דר גרויסר בעל בטחון וואס ער
האט כל ימיו גילעבט פון יגיע כפו זאל וועלן
אראפ פארין מיט אגרויסע גיזינט צו זיין
אונטר פרעהס שוץ . בפרט אז די גמרא
זאגט אין ביצה פר דעם דאזיגן וואס קומט
אן צו אפרעמדן טיש איז דיא וועלט חושך .
דאס אלעס ווערט רעכט מיט אסיפור
המעשה . וויא עס איז ידוע פון פאר צייטין
האבין דיא שפאנישע אידן ניט גיליטין דיא
דייטשע יודין אין זייער מדינה . אמאל האט
זיך גיטראפן דאס אגיוויסע דארטיגע שטאט
האט גיזוכט ארב אונ האבין דער הערט פון
אגרויסן גאון אחכם מפורסם אין דייטש לאנד
זיי האבן יוא גיוואלט ניט גיוואלט אבר וואס
קענען זיי זיך העלפן עס איז דאך אונמעגליך
צו באקומען אין זייער מדינה אזו אטייערן
תכשיט . דרום האבן זיי אויס גיריכט אפאר
חשובים זייער גיעהרטע מענטשין צו אים אין
אקארעטע מיט אכתב רבנות . נור באופן ער
זאל ניט קומען צו זייא מיט די גאנצע גיזינד
נייערט מיט די ווייב אונ אפאר קליינע קינדר
וועלכע זיי האבן נייטיג צו האלטן ביא זיך .
זייא איז אבער שווער גיוועזן אים. צו דאבטין
בפירוש דעם דאזיגין פונקט . האבן זיי אים
סתם אפ גיגעבין דעם כתב אונ גיבעטן ער
זאל שוין מיט זיי מיט פארן . דער רב אבער
מיט זיין חכמה האט גוט פאר שטאנען זייער
מיין . ענטפערט ער זיך קאלט בליטיג . אזו פון
אייער קליין קארעטקע זעה איך ארויס דאס
די שטאט אייערע וויל מיך ניט האבן פר ארב
נאר זיא מוז מיר האבין . אונ באופן זה קען
איך ניט פארן . וויא די חשובים האבן דער
הערט זיין טיפע חכמה האבן זייא גיפועלט
ביי שטאט ער זאל מיט נעמן וועמן ער וויל
אונ שטאט האט ארויס גישיקט עטליכע
קארעטקעס נאך די גאנצע הויז גיזינד . דאן
איז ער אוועק גיפארן צו זיי בשמחה ובשלום.
דא איז אויך אזו . פרעה האט זיך דר עיקר

גיוואלט

געוואלט האבין יעקבן אין מצרים פון זיין איינגעגע וויגאדע וועגן דען ער האט גוט פר שטאנען מה דאך פון איין צווייג דאס איז גימיינט יוסף ווערט ער גליקליך מכל שכן פון גאנצן בוים. אונ לסוף איז טאקע אזו גיוועז וויא דר מדרש רעכנט אויס כמה טובות וואס ער האט אים גיטאן מיט זיין קומען אם כן איז שוין קיין כזיון ניט גיוועז פר יעקבן. אזו וויא די גמרא דער ציילט אין חולין ווען דער ריש גלותא פלעגט פאר בעטן צו זיך רבי זירא פלעגט ער קומען (הנם ער איז גיוועז אשונא מתנות) ווארום ער האט אזו גיזאגט. דאס איז פר דעם ריש גלותא אכבוד אונ אטובה. אגב האט פרעה גימיינט מיט ערנסט וייל ער האט גיהערט זיין גרויסקייט זיין חשיבות האט ער צו ליב אים שוין גיוואלט זיין גאנצע גיזינד בעטן צוא זיך אין לאנד. מען זעהט אקלארן בעווייז דאצו דאס עס איז אים גלעגן אין זינן צו הייסן שיקן גינוג וועגן פאר דיא גאנצע גיזינד. דרום שרייבט דר מדרש וירא את העגלות אשר שלח יוסף לשאת אתו כלומר נאך דעם וויא יעקב האט באטראכט די פיל וועגן וואס יוסף האט גישיקט היינו מיט פרעהס באפעל גינוג פר אלע הויז לייטע זיינע דאס איז אראיה אז ער פר לאנגט אים באמת אונ וויל אים האבין אין מצרים. ווארום ער איז ביא אים אחשוב אונ ניט נור איין קליינע קארעטקע גישיקט נאך אים אליין וויל ער דארף נאר אים האבן ותחי רוח יעקב דא האט יעקב גאר אויף גילעבט אונ אן גינומען דיא זאך בשמחה אונ גלייך גיפארן קיין מצרים :

## הפטרת ויגש

ואתה בן אדם קח לך עץ אחד וכתוב עליו ליהודה וגו׳ היינו הקב"ה האט גיהייסן יחזקאל נעמן צוויי העלצר אויף איינם שרייבן דאס ער גיהער צו יהודה אונ אויף דעם אנדערן צו אפרים נאכהער ביידן צו זאמען נעמען אין איין האנט דאס איז גימיינט איך וועל צו נויף נעמן די קינדר ישראל פון די פעלקר אונ מאכן איבר זיי נור איין מלך

המשיח אונ זיי וועלן ניט צו טיילט ווערן אויף צוויא מלוכות וויא דאמאלסט. דיא קדמוני נים שרייבן דר מלך המשיח אויך דיא גאולה איז גיגליכן צו אבוים דאס ווייזט אזו ווי איין בוים וואס מער ער וואקסט ווערט ער אלץ שטארקר אונ זיינע פירות ווערן גישמאקר אונ גיזינטער צום עסין. ווען אבר מען איילט זיך אפ צו האקן אדער אפ רייסן די פירות אונ מען לאזט ניט אוים שטיין אויף דעם בוים איז ניט גוט אזו אויך טאר מען זיך ניט איילן מען זאל שוין דר לייזט ווערן אז דר מדרש שרייבט אין שיר השירים אויף דעם פסוק השבעתי אתכם בנות ירושלים וגו׳ עד שתחפץ גאט ב"ה האט בשווארן די ישראל וייא זאלין ניט שפארן מיט תפלה ותחנונים דעם קץ אונ וואס מער מיר ליידין וויל דיא גאולה פאר שפעטיגט זיך איז אלץ פאר אונז גלייכר. דער ענין ווערט ערקלערט באריכות מיט ראיות פון שכל אונ ספרים אין אן הייב פרשת ויחי אונ אויב אז יוא אזו איז דאך אגרויסע קשיא ווארום דר תנ"ך אונ אונזערע תפלות איז פול יללות אויף צרות אונ בקשות אויף אגיכע ישועה די הארבע קשיא ועט רעכט ווערן מיט אמשל. איין אלטר רייכר מאן האט גהאט איין איינציגע טאכטר פר דעם טויט האט ער גיבעטן זיינעם אגוטן פריינד ער זאל זיין איין אפעקון איבער די ירושה וואס בלייבט פר איר נור בתנאי דאס זאל ער האלטן נור אויף נדן אונ חתונה הוצאות אונ ביז דער חתונה זאל זיא זיך זעהן אליין צו שטארין צוא פר דינן אויף אלע הצטרכות אירע אונ דער פון אקאפיקע ניט רירן ניט פון קרן אונ ניט פון דיא פראצענט. אין אגיכע צייט איז גיקומען אקרוב בעטן עפעס הילף אויף קליידונג פר איר דען זיא פאר דינט קוים איר עסין אונ וייטער גייט זיא נעביך נאקעט אונ בארוועס. ענטפערט אים דר אפעקון איך מוז נאר טאן וויא עס שטייט אין פאטרס צוואה. ווידר אמאל איז מען אים גקומן זאגן אז די יתומה גייט אום שווארץ וויא די ערד דען זיא טוט אויף קוים האלבע חיות פר זיך לכן איז דר יושר פון אזוא אגרויסן קאפיטאל איר עטוואס אונטר שטיצן האט ער אויך ניט גהארכט אונ גיענטפערט די זעלביגע וואס פריער. דאס איידיל קינד האט אזו וייט גיליטן ביז זיא איז טויט קראנק גיווארן זיינען די קרובים אריין גפאלן צוא אים מיט קולות בעטן פאר אדאקטער אונ

רפואות. אים אבער קימערט דאס אלין ניט אונ האלט זיך ביי זיין ווארט איך קען ניט געבן. דא זיינען זיי שוין גיווארן אין כעס אונ זאגין ביז היינט אפשר ביסטו גירעכט גיוועז ווייל דיין כוונה איז דאך כדי איר שפעטער גליקליך צוא מאכן אבער איצטער אז דו וועסט ניט געבן קיין געלט איר צו ראטירן אונ זי וועט חלילה אוועק גיין פון דר וועלט טוא וועמען וועסטו גליקליך מאכן אונ וויא אזו פארט וועט מקוים ווערן איר פאטערס צוואה. מיט דיא קינדער ישראל איז אויך די זעלביגע מעשה. עס ליגט אוויכטיגר קאפיטאל פון ישועה ונחמה פאר אונז אויף נאכן אונ יעדר טאג וואקסט צו מער פראצענט דרום כל זמן עס איז נאר מיגליך צו ליידן דארפן מיר זיין רוהיג אונ האבן בטחון אז דאס איז לטובה אזו וויא דר פסוק זאגט אין ישעיה המאמין לא יחיש דר ריכטיגר מאמין דארף זיך ניט איילין אבער ווען דער נויט איז אמהעכסטין אונ ווארטינדיג אויף די גאולה קען ח"ו ארויס דער ווייליע דיא נשמה בעטין מיר אז הקב"ה זאל שוין פאר גרינגערן אונזער גימיט אונ ער זאל שוין מאכין אסוף פון דיא צרות הגם דאדורך וועלן מיר ניט אזו פיל פראצענט האבין וויא דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים הביטה עניי יי' וגו' פן אישן המות דאס טייטש זעה גאט ענטפער אונז באלד מיר זאלן ניט איין שלאפן ביז טויט אויך זאגט דער נביא אין ישעיה כמו הרה תקריב ללדת תחיל תזעק בחבליה כן היינו מפניך יי' וויא אגיווינערן הגם זיא ווייס קלאר דאס אירע ווייטיג איז אמיטל זיא זאל גיענטפערט ווערן מיט אקינד פון דעסט וועגן קרעכצעט זיא אונ בעט זיך בעת זיא ווערט שוואך ביי די הייבן זיא זאל זעהן צו פר גרינגערן איר אונ מאכן וואס גיכער אזו בעטן מיר זיך ביא דיר רבש"ע. אין דעם זינען פר שטייט זיך לייכט אשווערע מליצה אין גמרא ברכות רבי יהושע זאגט דר וואס גייט אין אמקום סכנה זאגט דיא קורצע תפלה הושע יי' את עמך את שארית ישראל בכל פרשת העבור יהיו צרכיהם לפניך דאס טייטש העלף גאט דיין פאלק די איבר גיבליבענע פון ישראל אפילו בעת פרשת העבור זאלסטו אויך קוקן אויף זייא אונ געבין זייער בארערפינעם פרעגט די גמרא דעם פירוש פון פרשת העבור זאגט רב חסדא פון מר עוקבאס וועגין דאס איז גימיינט אפילו ווען דו ווערסט אויף זיי אין כעס אונ ברייגנסט אויף זייא פיל נסים וויא אויף אמעוברתע אשה כלומר פון זייער אטובה וועגן זאלסטו זייא אויך ענטפערן צוא פאר גרינגערין אונ מאכין באלד אסוף פון דיא צרות:

## פרשת ויחי

ויחי יעקב בארץ מצרים וגו' ויהי ימי יעקב שני חייו וגו' דאס איז טייטש יעקב האט גילעבט אין מצרים זיבעצן יאר אונ עס איז גיוועז יעקבס טעג די יארן פון זיין לעבן הונדערט זיבן אונ פערציג יאר. די מפרשים פרעגן וואס דארף דר פסוק דר ציילן פיל ער האט גילעבט אין מצרים. אויך איז קשה ווארום דארף מען די צווייא ווערטר ימי יעקב די טעג פון יעקב. דאס ווערט רעכט מיט אמשל. איין עושר איז גיווארן איין אלמן אונ אין די זעלביגע שטאט האט איין אלמנה איין אשת חיל אפילו ניט קיין קאפיטאליסטן אבער אגרויסע סוחרטע אונ אבעלת נאמנות. זיא איז אים זייער גיפעלין גיווארן האט דר גביר צו איר גישיקט זאגן דאס ער איז צו פרידן איר צו נעמן אן אשום נדן נור באופן זיא זאל זיך אפקוואטירן ריין מיט אלע אירע בעלי חובות זיא האט אויף דרויף איין גישטימט. אבער ווייל זיא האט זייא גיוואלט דריקן די בעלי חובות האט זיא זייא מדחה גיוועז פון טאג צו טאג אונ דרום האט זיך פר צויגן אצייט אונ קיין סוף איז נאך אלין ניט גיוועז וואס האט דער חתן גיטאן ער האט גישיקט נאך אלע אירע בעלי חובות אונ האט זיי גיגעבן עצות אונ גיוויזין תחבולות וויא זייא זאלין איר קענען שטארק דריקן צוא צאלין אונ ממציא זיין פון איר גאר וויא פיל עס קומט. זיא האט זיך אבער דער פון דר וואוסט אונ האט בייז אויס גירעט זיא זאגט צו אים ווען איצטער ביסטו מיר אזו אשונא טוא וואס וועט שוין זיין שפעטער. ענטפערט ער איר דו זאלסט וויסן איך בין דאמיט דר בעסטר גוטר פריינד אונ מיין אונטער העטצין זייא איז אדרבה מחמת גרויס אהבה כדי עס זאל

ווערן מיט זייא אסוף אונ דאדורך וועט זיין גיכער אונזער חתונה. דאס גלייכין איז דא. דיא חכמים זאגן צדיקים תחלתן יסורים וסופן שלוה דאס הייסט השי"ת באצאלט די צדיקים מיט אלעם גוטש צום סוף עס זאל גינוג זיין פר די יארן וואס זיי האבן גיליטן אין אנפאנג זייער לעבן אזו וויא דר פסוק זאגט אין איוב והיה ראשיתך מצער ואחריתך ישגה מאד דאס טייטש אין אן הייב ווערסטו ניט גוט האבן אבר צום סוף זייער גוט יעקב אבינו האט אויך פריער גוט גיליטן פון עשו הרשע מיט לבן אונ פון דיא מלחמות מיט די פעלקר ארום שכם אויך די שרעק וואס ער האט גיהאט דורך מכירת יוסף אונ פון די קינדר אין מצרים. דער פר האט אים הקב"ה גיהאלפן מיט עושר וגדולה אונ גרויס נחת אין זיינע לעצטע יארין ביא יוספן אין מצרים (דער מדרש שרייבט מעשה אבות סימן לבנים) מיר אידן דארפין מאמין זיין דאס וואס מיר ליידין אצייט יארין גלות ופורעניות איינם נאך דאס אנדערע איז נור ווייל גאט ב"ה וויל אונז גליקליך מאכין לסוף מיט אגאולה שלמה. אונ עס קען ניט זיין גוט וואו עס איז ניט פר דעם שלעכט. וויא אקערן אונ בראנעווען איז אפעולה דיא ערד זאל ארויס געבן גוטע פרוכט אונ וואס מער דיא ווייהענעס קומען אפטער איז דאס אלץ מער אגוטער סימן אויף אנאהענטע ישועה אזו וויא דר חתן האט גיזעהן מען זאל די אלמנה מעהר דריקין די חובות. אזו וויא דר נביא זאגט אין ירמיה ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע די צרה איז אבעוייז אויף ישועה. למשל איין אשה אויף דר צייט ווען זיא פילט ניט איז ניט גוט אונ וואס מער זיא פילט אונ ליידעט אפטערע ווייהענס איז אסימן אז באלד וועט זיא גיווינען אגיזונטע קינד. הקב"ה האט גיפרעגט דעם נביא ירמיה מה אתה ראה ירמיהו דאס הייסט וואס זעהסטו האט ער גיענטפערט מקל שקד אמאנדיל שטעקין זאגט ער היטבת לראות דו האסט גוטעס גיזעהן דאס באטייט כי שוקד אני על דברי לעשותו כלומר איך וועל איילן אויף די רייד מיינע פון פורעניות צו ערפילן כדי צו טאן גיכר די גוטעס. דען דר שרש שקד האט צוויי באדייטונגן מאנדלן אונ איילן. אונ דאס איז די כוונה פון די פסוקים ויחי וגו' יעקב האט גוט גילעבט זיבעצן יאר אין דר לאנד מצרים (וויא מען זאגט אויף אגוטע צייט עס איז גיוועזן גילעבט ויחי ימי יעקב דער מיט איז גיווארן פר פול יעקבס טעג שני חייו שבע וגו' וויא ער וואלט גיהאט גוט גילעבט זיינע גאר דיא הונדערט אונ זיבן אונ פערציג יאר:

ויקרא לבנו ליוסף וגו' ועשית עמדי חסד ואמת וגו' יעקב זאגט צו יוסף שווער מיר אז דו וועסט מיט מיר טאן חסד אונ אמת אונ זאלסט מיר באגראבין אין מערת המכפלה. איז דאך קשה וויא קען זיין חסד אונ אמת ביא איין זאך. דען חסד הייסט אז מען איז דאס ניט מחויב צו טאן אונ אמת איז פר קערט עס קומט יענעם ריכטיג. דאס ווערט רעכט מיט אמשל. ביא איינעם איז גיבליבן צו שיינקן זיינעם איין אוהב נאמן טויזענט רובל איז אהודערש ארום בערך. נאר ער האט אבער מורא גיהאט טאמער וועט אים דיא ווייב דאמאלס שטערין פון דעם דרום האט ער יענעם ארויס גיגעבן דר ווייליע אפאפיר אויף דאס געלט. נמצא אין דיא צייט ווען ער מאנט מיטין פאפיר הייסט דאס אמת עס קומט אים. פון דעסט וועגן קען מען דאס אן רופין חסד אויך ווייל צום אן פאנג איז דאס גיוועזן מער ניט אז אנדבה. מיכה הנביא טענת פאר הקב"ה תתן אמת ליעקב חסד לאברהם אשר נשבעת לאבותינו מימי קדם דאס טייטש אברהמס חסד דארפסטו געבין צוא יעקבן היינו צוא די קינדער ישראל מיט איין אמת ווייל דו האסט שוין פר צייטן גישווארן צו אונזערע עלטערן. כלומר הקב"ה האט כורת ברית גיוועזן מיט אברהם ער זאל געבן דיא לאנד כנען זיינע קינדער. דרום די ישראל דארף ער געבן ווייל ער האט גישווארן אבר לכתחלה דעם צוא זאגן אברהמן איז דאס

גיוועזן איין הוילער חסד. דאס גלייכין דא יעקב אבינו האט פר לאנגט דאס יוסף זאל דווקא שווערן וואָרום ער האט גוט פר שטאנען אז ניט וועט פרעה אים ניט לאזן ארויס פירן פון מצרים וועגין דיא טעמים וועלכע דער מדרש שרייבט. דרום זאגט יעקב צו יוסף טוא מיט מיר לכתחלה חסד אונ לסוף זאל דאס ווערן איין אמת. היינו דאמיט וואס דו וועסט מיר צוא שווערין אויף דעם וועט ער דיר שוין מוזין לאזין מקיים זיין וויא עס שטייט ווייטר ויאמר פרעה עלה וקבור את אביך כאשר השביעך דאס איז טייטש גייא אויף אונ בגראב דיין פאטר ווי ער האט דיר בשווארן:

ויקרא יעקב אל בניו וגו' דאס טייטש יעקב האט גירופין זיינע קינדער אונ זאגט פאר זאמילט אייך אונ איך וועל אייך זאגן וואס אייך וועט טרעפן אין דיא לעצטע צייטן. דר מדרש שרייבט ער האט גיוואלט מגלה זיין דעם קץ האט זיך דיא שכינה פון אים אפ גיטאן. אונ אזו שטייט אין דניאל ואתה דניאל סתום הדברים וחתום דו דניאל פר בארג אונ פאר חתמע די רייד וועגין משיח הגם דאס איז סודות התורה פון דעסט וועגן קען מען זאגין עטוואס אטעם על פי שכל פאר וואס הקב"ה וויל ניט מען זאל וויסין ווען דער קץ וועט זיין. דר כלל איז אשמחה אדר אטרויער וואס זיינען ניט אויף שטענדיג נור ביז איין בעשטימטע צייט מוז די שמחה זיין פר מישט מיט טרויער אונ די טרויער מיט שמחה ווייל מען דר מאנט זיך דאס די שמחה וועט אמאל אויף הערן דאס גלייכן די טרויער. אבר ווען מען רעכינט אז וויא עס איז אזו וועט שוין בלייבין אייביג דאמאלס איז ריינע טרויער חלילה אונ ריינע שמחה דרום איז מען ניט מגלה ווען דיא גאולה וועט קומען כדי מען זאל זיך מיאש זיין אונ מיינען אז עס וועט בוודאי שוין אזו בלייבין אייביג דער ווילע די גרויס צער וואס מיר האבן דר פון איז אכפרת עון. דיא רייד זאגן די חכמים אין ילקוט תהלים אדם בא להכות את בנו אמר לו כו' ווען אפאטער זאגט צו אקינד צעהען שמיץ צוא געבן אונ ער גיט אים איינעם אדער צוויא פרייעט ער זיך דאס ער האט שוין מער ניט וויא אכט אדר ניין. אבר ווען ער ווייס ניט וויא פיל מען וועט אים שמייסן האט ער קיין נחמה ניט. דאס זאגט כנסת ישראל צוא הקב"ה מאנה הנחם נפשי מיין נפש וויל ניט גיטרייסט ווערן ווייל איך ווייס ניט קיין סוף פון די צרות. דרום בעט דוד המלך ע"ה אין תהלים הודיעני ה' קצי זאג מיר אויס דעם קץ:

ארור אפם כי עז וגו' דער מדרש שרייבט אפילו אז יעקב האט שוין יוא גישאלטין שמעון ולוי האט ער נאר גישאלטין זייער כעס. אין פלוג וואס איז דאס פר אקללה. נאר די זאך איז אזו. למשל אגביר אבעסן אונ אשטראנגר מענטש ווירקט זיין כעס דען מען האט מער מורא אונ מער בושה פר אים. אבר איין ארימאן אכעסן בלייבט מער ניט אז אנאר וואָרום ווער הערט אים. דרום הייסט דאס דר כעס זיינר איז פר שאלטן כלומר ער ווירקט גאר ניט. אונ די כוונה פון מדרש ער האט גישאלטן זייער כעס היינו זיי זאלין זיין ארימע סופרים אונ מלמדים וויא דר מדרש זאגט אין ויחי נאר ווייל יעקב האט ניט גוואלט ארויס ריידן דייטליך די קללה. דרום האט ער אן גיהאנגען אויף דעם צארין זייערין:

ואתם חשבתם עלי רעה אלהים חשבה לטובה וגו' להחיות עם רב ווען מען באווייסט אויף שווארץ מער ניט אז נאך דעם ערך פון די אונטערשטע שווארצקייט בלייבן פלעקין. סיידן אז מען פר מערט דער מיט ווייסקייט פיל מאל מער אז די אונטערשטע שווארצקייט. אין דעם זינען איז זייא יוסף מנחם אונ ער ערקלערט דאס ער קען אויף זיי קיין שום סימן שנאה ניט טראגין. וואָרום אתם חשבתם עלי רעה איר האט נור גימיינט מיר אליין צו טאן ארעה אונ גאט ב"ה האט דאס פר קערט לטובה. להחיות עם רב מחיה צוא זיין פיל פאלק אין הונגער צייט. דרום זייט זיכער דאס די פיל פאכע טובה האט פר ווייסט אייער רעה

עס איז קיין שום פלעק שנאה אין הארצין
ביא מיר ניט גיבליבן אונ מיין מחשבה צו
אייך איז נור לטובה ולשלום יי יברך את עמו
בשלום . אמן :

# הפטרת ויחי

ושמרת את משמרת יי וגו' למען יקים יי את דברו וגו'
היינו דוד זאגט אן פר זיין טויט זיין זון שלמה
ער זאל מקיים זיין די תורה כדי דאפיר וועט
אים גאט ב"ה גליקליך מאכין . אין פלוג איז
אקשיא דער חסיד דוד המלך זאל הייסן פרום
זיין נור על מנת לקבל פרס צוא ליב שכר וועגין
אהיפוך פון דעם תנא אין פרקי אבות קען דאס
רעכט ווערן מיט אמשל איינער אפיינער בריה
האט גיהאט אזון איין עילוי אונ אמתמיד וויא
גיוויינליך פלעגן זייא זיך צווישן אנאנד מפלפל
זיין אמאל האט דיא מוטער צו רעכט גימאכט
אגישמאקין גיריכט אונ ארויף גישטעלט אויף
דעם טיש פאר דעם זון ער איז אבער גיווען פאר
טיפט אין פלפול אונ גאר ניט גיקוקט אויף דעם
עס גייט אוועק אשעה אונ צוויא אונ די מוטער
בעט אים עסין אונ ער איז אזו פאר טראגין אין
לערנען דאס אים גילוסט גאר ניט צו פר זוכן ביז
דער פאטער האט זיך אפ גירופין מיין קינד
איך בין גוזר אויף דיר דאס דוא זאלסט גיין
עסין רופט זיך אפ דער זון גלויבט מיר איר
טייערע עלטערין אז מיר גילוסט גאר ניט נאר
ווייל איך ווייס דאס איז אייער תענוג וועל
איך טאן אייער רצון . דער נמשל איז הקב"ה
אונ ישראל דער עיקר כוונה פון השי"ת איז
מיט דיא תורה ומצות גליקליך צו מאכין זייא
אונ דאס איז זיין גאנצר תענוג וויא עס שטייט
מצונו יי לעשות את כל החקים האלה וגו' נאר די צדיקים
וואס זייגען משיג דיא גרוישע חשיבות דער
פון אויך דאס ער האט אונז מזכה גיווען אז
מיר זאלין זיין זיינע דינער גלייך מיט אלע
מלאכים אונ שרפים איז שוין דאס אליין אויך
גינוג אונ מיינען קיין שום שכר ניט אזו וויא
ישעיה הנביא זאגט חסדי יי אזכיר תהלות יי כעל כל
אשר גמלנו יי דאס טייטש די חסדים וואס השי"ת
האט מיט מיר גיטאן דאס איך זאל דער מאנען
פאר אים זיינע לויבונג שטייגט דאס אריבער
דיא אלע טובות וואס ער האט מיר באלוינט
אויך דיא חכמים זאגין שכר מצוה מצוה כלומר
דאס וואס מיר טוען די מצוה דאס גופא איז
דר בעסטער שכר . נאר ווייל דער בורא יתברך
האט נחת רוח ווען דעם עובד השם איז גוט
דרום קען מען טאן מצות אונ מעשים טובים
פון שכר וועגין אבער ניט מיינען דעם עצם
שכר נאר מער ניט ווייל השם יתברך האט
פערגעניגין אז דעם ירא שמים גייט גוט
ממילא וועט דער מיט ערפילט ווערין דער
רצון הבורא אונ דאס איז זייער איין הויכע
מדרגה דאס אין גרעסטן תענוג זאל מען דער
פון ניט מקבל נחת זיין אונ ניט פילין דעם
אייגענעם תענוג נור זיך פרייען מיט דעם תענוג
וואס הקב"ה האט בעת מעשה דר פון . צום ביי
שפיל דער זון מיינט ניט בעת עסן זיין אייגענע
הנאה נור זיין גאנצע הנאה איז וואס דר פאטר
האט דער פון הנאה אונ דאמיט איז ער ממלא
דעם רצון פון פאטר אונ דאס איז דער מיין פון
רבן גמליאל אין פרק עשה רצונו כרצונך מאך זיין
רצון וויא דיין רצון כלומר זייא מקיים מצות
כדי שיעשה רצונך כרצונו כדי ער זאל טאן דיין
רצון וויא זיינער איז דאס הייסט ער וועט
דיר געבין אלעם גוטש וואס דאס איז
זיין גאנצער ווינש אבער ניט מיין פון דיין
הנאה וועגין נאר בטל רצונך מפני רצונו זייא
מבטל דיין רצון צוא ליב זיינעם היינו דיין
שמחה זאל נאר זיין דער מיט וואס פון
דיין טובה האט הקדוש ברוך הוא נחת
רוח אונ דיא רייד זאגט דוד המלך ע"ה אין
זיין צוואה צוא שלמה ושמרת את משמרת וגו'
למען יקים יי וגו' ער מיינט זאלסט מקיים זיין
תורה ומצות כדי גאט ברוך הוא זאל קענען
מקיים זיין זיין הבטחה דאס דיא מלוכה
זאל בלייבין ביא מיינע קינדער דער מיט
וועט אוים גיפירט ווערין דער רצון הבורא
יתברך אבער זאלסט ניט מיינען פון דיין
טובה וועגין :

סליק ספר בראשית